# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 132) צוועלפטער יאַרגאַנג יאַנואַר 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:


געזעלשאַפטלעכקייט... ........................................** 1

אַ קאַפּיטל תהילים,.................................לעאָ קעניג 5

ווי אַזוי איך האָב געזעגן ישראל.....................צבי אָרנשטיין 8

דער בית־המקדש פון דער גרויסער רו, (פּאָעמע)......אביגדור המאירי 13

הערש צפת׳ער (אַ תל אביבער טיפּ)...................יוסף נוימאַן 16

ירשלים, בית לחם, שניי־לידער,

סילוועסטער־קאַטאַ־סטראָפעס ..................א. נ. שטענצל 19

וואָס איז יידישע קולטור? (עסיי)......................יוסף הלל לעווי 23

קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון"........................א. ל. 27

פון מיין ביכער טיש...........................דר. יעקב י. מייטליס 28

ווי דער ווינטל-בלאָז (ליד)............................דוד אפּאלאוו 32

בערנארד שאו און זיין דראמע „די הייליקע יאָהאַנאַ"

(עסיי) ..................................אליהו פּאלושאק 33

ניסעלעס אַ טרער (רעצענזיע).................................אלעגאריער 38

צו משה עובדן דעם שרייבער און דיכטער און אויך

סקולפּטאָר ..................................רקודה פּאָטאַש 39

רקודה פּאָטאַש...........................................ש. 39

די געשיכטע פון שקל...................................יוסף פרענקל 41

60 יאָריקער יובילײ פון אַ באַרימטן ישראל פּיאָנער..דר. א. שראגענהיים 43

ישעיה הנביא און חזקיה המלך (פּאָלקלאָר)......יחזקאל נח ערלעכמאַן 45

ברעקעלעך און שיריים פון רבינס טיש..........אפרים טויבענהויז 47

לאָנדאָנער קולטור־ידיעות........................................ 47

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.............. 48


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנעמענט-פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

## דעם ייווא — א ברכה

היינטיקן חודש קומט זיך צענויף אין ניו יאָרק די יובל־קאָנפערענץ פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייווא. עס איז געוואָרן 25 יאָר זינט עס איז אנטשטאַנען דער ייווא, זינט עס איז געוואָרן געלייגט דער יסוד פאַר דעם הערלעכן בנין פון מאָדערנער וויסנשאַפט אין יידיש.

בשעת דער ייווא איז געשאַפן געוואָרן מיט קיילעכדיקע 25 יאָר צוריק איז נאָך די זון פון פוילישן און בכלל פון מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום געשטאַנען הויך אויפן הימל, דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע לעבן איז געווען פול מיט אויפברויז און דינאַמיזם. עס איז געווען אַ זיך ראַנגלענדיקע און שאַפערישע וועלט. אַ ליטעראַטור האָט זיך געהאַט צובליט, וואָס האָט געהאַט אירע טיפע וואָרצלען אין דער היימישער ערד. צוזאַמען דערמיט האָבן זיך גענומען באַווייזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַן ערנסטער וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראַך, פון אַ שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. אָט די דאָזיקע אָנהייבן צו פלעגן און דערמוטיקן, די יחידישע גייסטיקע כחות צו מאָביליזירן און פאַראייניקן, זייער ענערגיע צו קאַנאַליזירן, אַז זי זאָל נישט גיין לאבוד, איז געווען די אויפגאַבע פון דעם געשאַפענעם אינסטיטוט. אָרגאַניזירן די וויסנשאַפט אין יידיש לשון, אַריינטראָגן אין איר אַ פּלאַן און אַ שיטה. דער גרויסער אויפטו פון ייווא איז טאַקע געווען, וואָס ער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דער פאָרשונג בצבור, אויף אַ קאָלעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס אַלץ האָט מען געשאַפן, ממש מיט פאָלקס־גראָשענס, אַ בנין וואָס איז געוואָרן דער שטאָלץ פון פוילישן יידנטום.

דער ייווא איז געוואָרן דער אימבאַגריף פון אַ דעמאָקראַטישער יידישער וויסנשאַפט און טאַקע אין דעם יידישן לשון, אין דעם יידישן ווילנע. מיט גרויס מסירת נפש האָבן די דאָזיקע טייערע אַרבעט אָפּגעהיט אַזעלכע מענטשן ווי זעליג קאַלמאַנאָוויטש, זלמן רייזן און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען ליידער פון אונז אַוועק אין דער צייט פון גרויסן חורבן מ'האָט קיין ניו יאָרק אַריבערגעטראָגן דעם ווילנער ייווא, אָבער ניט דאָס יידישע ווילנע. ראַנגלט זיך דער אינסטיטוט אין אַ פרעמדער וועלט פאַר זיין קיום און באַקומט ניט די נויטיקע אונטערשטיצונג און די פאַרדינטע דערמוטיקונג. אויך אין דעם פּרט האָט דאָס יידישע ענגלאַנד אַ סך געזינדיקט און נישט פאַרשטאַנען מיטצוהעלפן.

און בשעת עס קומען זיך יעצט צענויף אין ניו יאָרק פון אַלע עקן וועלט יידישע וויסנשאַפט־מענטשן, שרייבער און קולטור־טוער און סתם געסט צו פייערן אַ זעלטענעם און פאַרדינטן יובל פון דער יידישער וויסנשאַפט, ווילט זיך צו זיי צו רופן: תחזקנה ידיכם. זאָלן אייערע הענט זיין געשטאַרקט און געבענטשט אין אייער וויכטיקער אַרבעט. נעמט אונזער ברכה פון דער ווייטנס און זאָלן מיר זוכה זיין צו פייערן דעם נאָך גרעסערן יובילעאום, דעם שנת היובל החמשים פון אינסטיטוט, וואָס זאָל אַריינטראָגן שוין יעצט אַ נייע התעוררות צו גרויסע וויסנשאַפטלעכע מעשים.

**דר. יעקב י. מייטליס.**

(אַמאָליקער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פאַר דעם ייווא אין ענגלאַנד.)

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- L.8293 870
LC. 1035/8

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 1 (העפט 132) צוועלפטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1951 לאָנדאָן

## געזעלשאַפטלעכקייט...

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין אַ יידישן ישוב אין וועלכן די נטיה צו געזעלשאַפטלעכקייט, צו חברותא, איז אַזאַ שוואַכע און אָפּגעטעמפּטע ווי ביי אונז דאָ אין מלכות ענגלאַנד, איז די מערכה פון יידיש אַזאַ ווי זי איז.

די יידישע שול, — ווי קליין זי איז נישט געווען, — שוין געשלאָסן איבער אַ צענדליק יאָרן, די נעבעכדיקע צייטונג („די איינציקע אין אייראָפּע", ווי זי האָט זיך יאָרן־לאַנג פּראָקלאַמירט...) אויך שוין אונטערגעגאַנגען. נאָך דער ערשטער האָט מען אַפילו קיין קדיש־יתום נישט געזאָגט; נאָך דער צווייטער קלאַפּט מען יאָ אָפּ אַ רבנן־קדיש אין די „פּאָרענער"־ שולעכלעך און חזנים ציקלען זיך מיט „מלאס", אָבער אַז די פּושקעס פאַרן „תציל ממות" זאָלן אַמאָל פול ווערן — ווייסט איין גאָט אַליין!... שולעכלעך, קיין עין הרע, — מער שוחטים ווי גענז! — אַפילו שבת פעלט אויס דער צענטער — נישט איין שבת־גוי איז מען מצרף צום מנין! אָבער מיר יידישיסטן מכל המינים, מיר האָבן דאָך נאָך אַלץ נישט קיין איין הויז, קיין איין שטוב, צו קענען זאָגן זי איז אונזער, זי איז אַן אייגענע — —

אין אַזאַ אָפּגעשטאַנענער געזעלשאַפטלעכקייט (עס איז זייער שווער צוצולייגן דאָס וואָרט קולטורעלע, אָדער גייסטיקע,) איז גאַנץ נאַטירלעך ווי עס שטייט מיט יידיש לשון. וואָרים וואָס איז דען דער שורש פון שפּראַך אויב נישט געזעלשאַפטלעכקייט? ווערטער געבונדן אין אַ לשון זענען דאָך די אין דער טיף גייענדיקע וואָרצל־הערלעך וואָס פאַרבינדן צוואָרפענע מענטשן צו אַ געזעלשאַפט.

מיט אַ קולטיווירטער געשליפענער שפּראַך אין מויל הערט אויף דער מענטש צו זיין אַן אַרומלויפנדיקע פאַרציקנדיקע חיה, אַ לעפּצן־צעסלונעדיקע, ער ווערט אַ געזעלשאַפטלעך גליד, אַ רינגעלע אין דער קייט, ברידערלעך געבונדן צו אַ חברותא מיט אחריות און התחיבות.

אָבער וווּ דאָס איז ליידער נישט דאָ, ווו די אינערלעכע נטיה פעלט, ווען דער „איך און איינער און ווייטער קיינער", דער „אני ואפסי עוד" איז דער יסוד פון מאַכן אַ לעבן — — איז צו וואָס ברויך מען נאָך שפּראַך? מען סלינעט אַ שלעכט ענגליש און מען קלאַפּט אין שטענדער: „היברו"! „עדיוקישאָן"! און ביי די קאָפּע טישלעך טומלט מען און קולטורוועט מען מיט צעסלינעטער לשון הרע — — דאָס געניגט, בכל אופן, פאַר אַ צוזאַמענגעלאָפענער, צעטומלטער חברה, אַן אַ־געזעלשאַפטלעכע.

עפּעס האָט זיך געפילט אַ סוואַנד, לעצטנס אויף אונזער יידישער גאַס; עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט שעוויציקס שוויץ־באַד, מיט קאָמערשל־רויד וויירויך פונם אַמאָליקן „טעמפּל", מיט אַקציע־געזעלשאַפטן — מיט טויזנטער! עפּעס האָט זיך אויף אַ רגע געדאכט: חדש ימינו כקדם!

טאַקע „יידיש איז טויט", די יידישע לעזער אויסגעשטאָרבן, די יידישע קולטור צוזאַם מיטן מזרח־איראָפּעאישן יידנטום אין די קרעמאַטאָריומס פאַרברענט — אמת! אָבער אַז ס'שמעקט מיט „ביזנעס", מיט אַקציע־געזעלשאַפטן, כאַפּט מען זיך אויף ווי צו אַ געבראָטנס, יאַוו־עט זיך לאָנדאָנער געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער און „אַקטיוויסטן" — „עם ישראל חי"!

עס האָט אויף אַ רגע אין האַרצן אַ פריידיקן טיאַך געטאָן! זאָל זיך קאָכן אויף דער יידישער גאַס; ווי לאַנג עס קאָכט זיך איז אַ סימן, אַז ס'איז נאָך דאָ עפּעס אינם טשאָלענט־טאָפּ; וועלן שוין זיין קאָך־לעפל! אָבער,ליידער, האָבן די קאָכער שוין דערשמעקט, אַז קיין ביינדל אָפּצולעקן (כפּי זייערע גרויסע אַפּעטיטן...) וועט פון יידישע עסקים נישט זיין און דאָס קאָכעניש אויף אונזער יידישער גאַס האָט זיך שוין אַביסל איינגעשטילט.

אָבער אינגאַנצן זיך מיאש צו זיין, על כל פּנים, איז נישט דאָ פאַרוואָס. וואָרים אויב עס שפּירט זיך נאָך אַ שטיקעלע סוואָנד איז דאָך אַ סימן אַז אַ יידישע פאָלע סמאַלעט זיך ווו, אַז ערגעץ טליעט נאָך אַ פונק —

* * *

מיט 06 יאָר צוריק האָט נאָך אַ ראַביי פון מלכות ענגלאַנד געגעבן אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג 1,000 פונט (דעמלסדיקע) אַז ער זאָל פאַרמאַכן די צייטונג. אַ היינטיקער טשיף־ראַביי האָט עס שוין פאַר „טשיפּער" (ביליקער), ער האָט שוין די פּריווילעגיע, — בעסער געזאָגט ער איז שוין אין דער לאַגע, — צו באַדויערן, וואָס אַ יידישע צייטונג פאַרמאַכט זיך.

אַ ראַביי? ניין, אפנים, צייטן בייטן זיך — —

מיט 40 יאָר צוריק ווען „מיניקעס יום־טוב־בלעטלעך" פלעגן אָנקומען, און מאַזין ווי אַ פרומער ייד, האָט די קעסטלעך מיט די טויזנטער נומערן ניט געוואָלט אויפמאַכן, ווייל ס'איז געווען יום־טוב, האָט עמך איינגעבראָכן אין מאַזינס ווינונג, אויפגעבראָכן די קעסטלעך און צוכאַפּט די צייטונגען. די קינדער מאזינס האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, געמיינט, אַז די אַנאַרכיסטן מאַכן אַ פּאָגראָם, אָבער דער פאָטער איז געשטאַנען רואיק און געשמייכלט, ער האָט געוווסט, אַז מאָרגן מוצאי יום־טוב, וועט קיין איין נומער פון די מיניקעס בלעטלעך נישט זיין, קיין נישט באַצאָלטער.

און היינט, אַז דער רעדאַקטירער פון „לשון און לעבן", לאָזט ליגן אויף זיין „פאַרקויף־שטעל" אַן עקזעמפּלאַר און עמיץ לאַקחנט עס צו, טוט עס אים דעם רעדאַקטאָר, כביכול, גרויס הנאה: נישקשה, מען לייענט נאָך יידיש!...

אַנאַרכיסטן? ניין, אפנים צייטן בייטן זיך — —

מילא, טויזנט פונט, כדי צו פאַרמאַכן „לשון און לעבן" וועט דאָך שוין אַ ראַביי אין לאָנדאָן מער נישט געבן — קרעכצערס האָבן מיר אייגענע גענוג! אָבער אַ טויזנטער צו כאַפּן פון אַ רב „לייבל" כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון „לשון און לעבן" איז דאַן נאָך דאָ אַ האָפענונג — מ'מוז דאָך כאָטש האָבן אַ שטיקעלע בטחון כדי צו קענען לעבן.



„כל המרבה לספר הרי זה משבח:! מ'קאָן דערציילן און דערציילן, אָבער די „געזעלשאַפט" אונזערע דאָ איז אַזוי „אינשורט" מיט לייבלס, אַז מען לוי־ערט שוין אויפן אייגענעם וואָרט, אויף זיך אַליין צו מאַכן אַ לייבל — מ'איז ממש דאָ ביי אונז קראַנק לאותו דבר!

אַמאָל האָט עס שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, כדי אַ טובה צו טאָן אַ יידישן שרייבער, אַ נצרך, האָב איך אים געזאָגט: גיי צו דיין אַדוואָקאַט און הייס דיר אויפשרייבן אַקוראַט יענע ווערטער וועלכע זיינען נויטיק פאַר אַ לייבל — —

ביי אַן ענגלענדער, זעט איר, איז דאָס געזעץ פון לייבל, נאָך צו דערטראָגן; פאַר אים, וואָס יעדעס וואָרט אין זיין שפּראַך לייגט זיך אַנדערש אויס ווי ער רעדט עס אַרויס, איז אים אפשר לייכט אַדורכצוקומען מיט דעם געזעץ, בעסער געזאָגט גרינג אים אַרומצוגיין — „סחור סחור"!

פאַרן העברייער, וועלכער קען זאָגן צו אַן אידיאָט, אַ שוטה — ביזט אַ האַלבער נביא, במחילה, איז אויך נאָך נישקשה!

אָבער וואָס קאָן אַ יידישיסט טאָן, דאָ ביי אונז, ווען ער וויל איינעם זאָגן, אָפן און ערלעך: ביזט אַ דעגענעראַט, אַ רענעגאַט? כאָטש ביים דיר די צונג אָפּ!

נו, קאָן מען אַנדערש ווי ליב האָבן אַזאַ ערלעכע און הייליקע שפּראַך?

* * *

„פריינט פון יידיש לשון" האָט קיינמאָל נישט געהאַט בדעה זיך צו קהלן, אָדער זיך צו מישן אין דער גרויסער לאָנדאָנער געזעלשאַפט . . . צו ווערן אַ „קהלהשע קלאַמקע"! אַפילו אויפן חודש זשורנאַל „לשון און לעבן", אין אונטער־קעפּל „חודש זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור" איז במזיד נישט אַריינגעשטעלט דאָס וואָרט געזעלשאַפטלעכקייט. מיר האָבן געטראַכט: אויב יידישע קהילה מיינט „בעריעל־סאָסייטיס", האָבן מיר דאָך די „יונייטעד"־און „די פעדעריישאָן־אָף־סינאַגאָגס", דעם „באָרד אָף דעפּוטיס", די כל־ערליי „עדיוקיישאָן"־קאָמיטעס א.א.וו. א.א.וו. און ווידער מיט פּאָליטישע פאַרטייען און אַפּיל־געזעלשאַפטן האָבן מיר דאָך אוודאי נישט צו טאָן.

מיר זענען אַ קליינע גרופּע פון געציילטע מיטגלידער, מיר האָבן אַלע שבת אין דער יידישער גאַס — אויף וויפיל זי איז נאָך דאָ! — יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, סוף־חודש זונטיקע אין בן־אורי, ווו ס'רוב פון די יידישע שרייבער און קינסטלער אין לאָנדאָן באַטייליקן זיך, און ווען ס'קומען געסט פון אַמעריקע, ישראל און אַנדערע ישובים איז מען זיי מקבל פּנים און זיי באַריכטן פון דער קולטור־טעטיקייט אין די דערמאָנטע קבוצים. פון צייט צו צייט ווערן אויך געמאַכט פּאָפּולערע קאָנצערטן פון יידישער מוזיק. אויך דער חודש זשורנאַל, ווערט געטראָגן פון אָט דער קליינער גרופּע. באמת, פאַר די 4־5 מענטשן, וועלכע שטייען אַקטיוו ביי דעם ביסל יידישער קולטור־

טעטיקייט (לײדער קיין אַנדערע ווערט דאָ בכלל שוין נישט געטאָן!) איז אַ מיפולע אַרבעט, איבער מענטשלעכע כחות. עס איז שוין אַזוי ווייט אפשר, אַז די שנאה־ און לצנות־בליקן פון שונאים פון יידיש און ליטעראַרישע מאַניאַקעס, באַלעבן מיט זייער גרילץ אונזער רעגלמעסיקע מאַנאַטאָנקייט... עס האָט ניט ווייניקער פעולה, אַזאַ געגרילץ, ווי אַ געקלאַפּ אין די טאַצן און פויקן! אלנפאלס, שפּאָרן זיי אונז דערפאר די אָט דערמאָנטע טעטיקייט... בכל־אופן איז אַ געטיילטע אַרבעט גרינגער: די גרילצער לעבן פון קלאַפּן און פויקן און מיר גייען אַן מיט דעם ביסל וואָס מיר טאָן.

אמת, די באַקאַנטע תפילה: „גאָט שיק מיר פאַר מיינע פריינט, פאַר מיינע שונאים וועל איך מיר אַליין היטן", קאָן אויך אונזער מאַמע־יידיש מכוח אונז, אפשר, מתפלל, זיין . . . אָבער איין גאָט איז אונזער עדות, אַז מער ווי דאָס ביסל אַרבעט, איבער די כוחות פון די 4־5, פון די איבערגעגעבענע יחידים, קאָן „פריינט פון יידיש לשון" אויף דער יידישער גאַס נישט אויפטאָן.

לעצטנס, זייט די טעגלעכע צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, איז אונזער אַרבעט אויך אַביסל באַשווערט, — די צייטונג איז חלילה אונז נישט געשטאַנען צו דער האַנט, אָ, ניין, אָבער זי האָט דאָך געדרוקט אונזערע באַצאָלטע אַנאָנסן! — און מיר האָפן באמת, אַז אַ צייטונג, אויף וואָסערע באַדינגונגען און קאָמפּראָמיסן זי זאָל נישט זיין וועט דאָך אָנהויבן באַלד צו דערשיינען. יאָ, אויב געזעלשאַפטלעכקייט, קהלן, מיינט דאָ חברה קדישא, זאָל דאָך ווייניקסטנס זיין אַ צייטונג פאַר דעם „שטאַרבנדיקן", „טויטן" יידיש, אָפּצוגעבן דעם מת־קדוש דעם לעצטן חסד של־אמת...

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אַזאַ זיצונג, מכוח די נייע צייטונג, וואָס זאָל אם־ירצה־השם דערשיינען. (מיט דער הילף פון אַזעלכע זיצונגע, איז עס נאָך אַ גרויסע פראַגע . . .).

אָ, ניין, ס'רוב פון זיי וואָלט איך נישט אָנפאַרטרויט די צוקונפט פון יידיש, פון די יידישע קולטור און ליטעראַטור... זיי האָבן אויסגעזען ווי מתעסקים, וואָס זיינען זיך מטפל אַרום קאָנסיליום־טיש ווו די אָפּעראַציע איז אַ נישט געלונגענע, אָבער דער חולה־מסוכן איז לעבן געבליבן...

יאָ, מאַמע־יידיש איז אַ חולה־מסוכן! אָבער נאָך אַלעם דעם וואָס ס'איז אונז געשען אין די לעצטע יאָרן, זענען מיר לעבן געבליבן, איז אונזער מאַמע־לשון לעבן געבליבן, זי איז אומשטערבלעך געבליבן! און אַפילו מיר דאָ אין אונזער אָפּגעטעמפּטן און אָפּגעשטאַנענעם ישוב, מיר וועלן לעבן בלייבן אין זכות פון אונזער מאַמע־יידיש — דאָס וויסן שוין אַצינד אַלע דאָ, אַפילו ביי די, וואָס זייערע סימפּאַטיעס צו יידיש איז נישט אַזוי גרויס; צומאָל די, פאַר וועלכע דער סך־הכל פון יידישקייט איז נאַציאָנאַלער־אַפּיל.

אויב זיי ווילן נאָר, אַז ישראליקל זאָל לעבן בלייבן און אויפגעהאָדעוועט ווערן, מוז מען שוין זאָרגן, אַז די מאַמע זאָל אויך לעבן, אַפילו ווען נאָר אויף דערווייל, ביז זי וועט אים אויפהאָדעווען. דערצו איז שוין צומאָל נישט נויטיק מענטשלעכע געזעלשאַפטלעכקייט — דעם אינסטינקט האָט שוין אַפילו אַ חיה אין ווילדן וואַלד.



לעא קעניג

# א קאפיטל תהלים

## (שבעה) קאַפּיטל 6

דער אַלטיטשקער יידע האָט גענומען פאַרזאָגן תהלים מיט אָט דעם פּיסנעם בעסאַראַבער אַקצענט, וועלכער האָט דערמאָנט אין די ווייטע תבואה און קוקורוזע פעלדער פון בעסאַראַביע און אוקראַינע; און וועלכער האָט די זוניקע פרום־ליידנשאַפטלעכע קאַפּיטלעך תהלים ווי אָפּגעטונקען אין וואָכעדיק־גרויע און אומעטיקע פאַרבן. דערצו איז דער רירעוודיקער, קליינטשיקער יידע ליובעטשקעס אַרומגעגאַנגען אין שטוב מיטן תהילימל אין די הענט, ווי דער אומרו פון דעם אַלטמאָדישן וואַנט־זייגער, וועלכער איז געהאַנגען ביי דער טיר און האָט אויך געהאַט שיינע עטלעכע „סנעפּס" (בילדלעך) אויף זיינע געשניצטע פּאַליצעס.

צי דערפאַר, ווייל ער האָט שוין געקאָנט דעם תהלים אויסנווייניק, צי דערפאַר, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַפּעטיט צום איבערבייסן, וואָס וועט אים גאָרנישט קאָסטן, נאָר ער האָט נישט געקענט איינזיצן.

„אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב" . . .

און די ניין זין האָבן גענומען נאָכברומען אין פאַרשידענע האַרמאָניש־נישט־האַרמאָנישע, אומעטיקע טענער, וועלכע האָבן זיך, ווי זאַנגען־כוואַליעס, געוויגט אויף דער טונקעלער, באַזעסענער פּאַדלאָגע. דורך די דורכזיכטיקע פאַרהאַנגען האָט זיך אָנגעהויבן אַריינזיפּן די אָוונט־טונקלקייט פון דרויסן, וועלכע האָט זיך, ווי ראַזאַווע מעל, אַרויפגעשאָטן אויף די בילדער פון די ווענט, אויף די נאַקעטע קאַראַפן זעקלעך אויפן „מענטל־פּיס". נאָר דאָס גאַזאויוועלע איז געוואָרן רויטער, גאָלדענער און האָט אָנגעהויבן העכער צו זינגען, ווי אונטערהאַלטנדיק דאָס תהלים־זאָגן פון די אבלים און דאָס הייזעריקע בורטשן פונם וואַנט־זייגער. ווי אַ בינשטאָק, באַקלעבט מיט גרויסע, פייערדיקע, זשומענדיקע בינען, האָט אין דער פינסטער אויסגעזען דער קאַמין. די האַלבע טונקלקייט און דאָס תהלים־מורמלען פון די זין האָבן דערמאָנט אין זייער קדיש אויפן בית־עולם; עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די מענטשן זענען דאָס גאַנצע לעבן זייערס אַזוי געזעסן און געזאָגט תהלים; און אַז זיי לעבן שוין אַזוי טויזנטער יאָרן.

עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אמתער אבלות און אומעט. עפּעס ווי מען וואָלט ערשט אַצינד באַמערקט, אַז דער שפּיגל איז פאַרהאַנגען און שטאַרט אין דער האַלבער טונקלקייט, ווי אַ גרויס בלינד אויג.

דער שפּיגל איז פאַרהאַנגען. מען וואָלט געקענט שווערן, אַז ער — דער, וועלכער ליגט שוין דאָרט ווייט אַליין אין אַ גרוב פאַרשאָטן, פאַרלאָזט פון אַלע זיינע קינדער, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי פיל געזאָרגט — דרייט זיך איצט גאָר אַרום אינם פאַרהאַנגענעם שפּיגל אין זיין שלאָף־ראָק און הערט זיך צו ווי זיינע קינדער זאָגן תהלים נאָך אים. די הענט, ווי זיין געוווינהייט פלעגט זיין,

אין די אַרבל פֿאַררוקט. די באַקן־ביינער סטאַרטשן אַרויס שאַרף און נאַקעט און פֿון די אויגן קוקט שוין דער לעצטער יאוש. דער לעצטער. טויט. אָדער אפשר ליגט ער דאָרט אין שפּיגל אויפֿן האַרטן אומברחמנותדיקן שפּיטאָל־בעטל אַזוי, ווי זיי האָבן אים דאָס לעצטע מאָל געזעען? דער בויך געשוואָלן, דאָס גרויסע פּנים איינגעשרומפּן און קליין, ווי אַן אמתער, אמתער זקן... ער האָט שוין אויסגעזעען אַזוי אַלט, ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט אַרויס פֿון דער מאַמעס בויך.

און די אויגן — פֿאַרמאַכט, פֿאַרטיפֿט, פֿאַרלוירן אינם לעצטן פּיין. דאָרט אינעווייניק, אינם גרויסן בויך, ווו די שרעקלעכע קראַנקייט ליגט צעשפּרייט, ווי אַ גרויסע שפּין מיט טויזנט פֿיס און דרימלט צופֿרידן און זאַט שוין; באַפֿרידיקט שוין.

צו יעדן איינעם פֿון די קינדער, וואָס גייט צו צו אים דאָס לעצטע מאָל געזעגענען זיך, עפֿענען זיי זיך אַזוי פּיינלעך־אָנגעשטרענגט, קוים, קוים אויף, גלייך ווי עס וואָלט זיי פֿון דער אינעווייניקסטער טיפֿעניש שווער געווען אַרויפֿקראַבקען זיך צוריק צו זייערע געזעסן־לעכער אין קאָפּ, כדי אויף איין לאַנגער, אייביקער גסיסה־רגע אַ קוק צו טאָן אויף די, וואָס רופֿן אים דאָס לעצטע מאָל. און מען ווייסט נישט וואָס אָט דער לעצטער גסיסה־קוק זיינער זאָגט:

— זיי געזונט.... — ניין, נישט דאָס דאַכט זיך.

— העלף, זון, פֿריינט... — אויך ניין, דאַכט זיך.

אפשר דריקט אויס דער לעצטער בליק קנאה, חיהשע קנאה, פֿאַרוואָס דו לעבסט?... און וועסט באַלד אַוועקגיין פֿון בעטל און מיך פֿאַרגעסן אויף אייביק און אייביק.

אפשר זאָגט דער לעצטער בליק.

— פֿאַרפֿאַלן, פֿאַרשפּילט.

אויך ניין.

און אפשר איז אין דעם לעצטן בליק דאָ שוין אַ ווערעמדיקער גרוס פֿון דאָרט, פֿון יענער זייט, ווו עס גייט אָן, נודנע און לאַנגווייליק, אַ גלגול מחילות פֿון געבוירן און שטאַרבן, שטאַרבן און געבוירן ווערן?...

אפשר האָבן דאָס אַלעס צוזאַמען, און נאָך טויזנט מאָל מער און שרעקלעכערס, וואָס האָט אַפֿילו נאָך קיין ווערטער נישט, געזאָגט זיינע לעצטע בליקן, ניט הערנדיק די נאַרישע מענטשלעך־לעבעדיקע געשרייען און רופֿן פֿון די קינדער:

— טאַטע, וועסט נאָך זיין געזונט!

— טאַטע, זאָג עפּעס!

טאַטע, דאָס איז דאָך דיין עלטסטער זון יעקב!

— טאַטע, רחמיאל־ריטשאַרד רעדט צו דיר. דערקענסט מיך נישט?

אַ געלעכטער. די פּרענסיס קושט נאָך דעם שטערן, און די צווייטע טאָכטער — אויך... — פֿאַרוואָס זאָגן זיי נישט, אַז זיי מיאוסן זיך שוין עס צו טאָן?...



— טאַטע, טאַטע, דאָס איז דזשאו, דאָס איז סעמי, און מעקסי, און אברי...
און אייער מיזיניק פּיטערל, — וויינט און קלאָגט צופֿוסנס רחל.

וואָס מיר טאַטע, ווער מיר טאַטע? ווען מען שטאַרבט, ווען מען ליגט ווי אַ צוקריפּלטע בהמה אָדער פֿערד; וואָס מיר טאַטע, ווער מיר טאַטע, ווען אַ לעצטער בליק לעשט זיך שוין אויס?...

אָ, ווען מען קען איצט אויפֿדעקן דעם שפּיגל!

---

— וואָס פֿאַר אַ תהלים איצט זאָגן? מען דאַרף דאָך שוין דאַוונען מעריב!
— איז ר׳ שמחה אַריינגעלאָפֿן מיט אַ געשריי. און ס׳איז אין שטוב ליכטיק געוואָרן נאָך איידער ער האָט אָנגעצונדן דעם הענגלאָמפּ.

אַן אפּיקורס, אַ שטיק סאָציאַליסט אָט דער ר׳ שמחה און ווייסט אַלע דינים פֿון דאַוונען און זאָגן. ער האָט אַ שטרענגן קוק אַ וואָרף געטאָן אויפֿן אַלטיטשקן זיידן:

— אוי, אַ, נו, תהלים קען מען שטענדיק זאָגן, — האָט זיך דאָס בעסאַראַבער יידל פֿאַרענטפֿערט. — תהלים איז די בעסטע און ביליקסטע זאַך; ס׳איז מחיה נפשות...

אָבער ר׳ שמחה האָט, פֿאַרשטייט זיך, זיינס אויסגעפֿירט: מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מעריב. דער אַלטער האָט אָנגעטאָן דעם טלית און, קיין עין הרע, נאָך מיט אַ שטאַרקער שטימע געדאַוונט:

— והוא רחום יכפּר עוון . . .

און כאָטש שמחה דאַוונט „פּרינציפּיעל״ אַליין נישט אין די וואָכנטעג, דאַוונט ער אָבער יאָ אויף אַלע שמחות און לוויות. ער קען זיך דעמאָלט נישט העלפֿן; ער מוז דעמאָלט אַרויסהעלפֿן „די ענגלענדער״...

אויך איצט איז ער געשטאַנען און געוויזן סעסילן „דעם ספּאָרט״ וואָס צו זאָגן, און ער האָט פֿאַר אים געמישט די בלעטעלעך פֿון סדור.

וואָ׳דען שמחה וועט נישט אויספֿירן?

פֿון קיך האָבן שוין געשמעקט רחלס מאכלים פֿאַר די אבלים...

אַ שטיק צייט נאָך מעריב־דאַוונען האָט שמחה „זיך״ אַלץ נישט געקענט מוחל זיין די עוולה, און ער האָט געהאַלטן אין איין בורטשן הויך:

— תהלים גאָר איצט! אַ חוץ אַ „קאַפּע טי״ האָבן זיי דאָך אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל!

---

**מערקט אייך די דאטע — דעם 21-טען יאנואר**
**די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „פריינט פון יידישן לשון“**

**אין אַרבעטער רינג, עלי סטריט, א.1, זונטיק, דעם 21־טן יאַנואַר, 5 אַזייגער.**
חמשה עשר בשבט. אַלע פֿריינט פֿון יידיש זענען איינגעלאַדן!

## צבי אַרנשטיין

# ווי אַזוי איך האָב געזען ארץ ישראל*

1

קודם כל אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שיף — קדמה.

פאָרנדיק מיט דער דאָזיקער שיף, האָב איך מיך באַקענט מיט פאַרשידענע אינטערעסאַנטע יידן, טאַקע מארבע פנות העולם. פיר הונדערט פּאַסאַזשירן זענען דעמאָלט געפאָרן קיין ישראל. ס׳איז אַפילו איבעריק צו באַטאָנען, אַז די גאַנצע מאַנשאַפט, אָנגעהויבן פונם קאַפּיטאַן ביז צום פּשוטסטן שוואַרץ־אַרבעטער, איז באַשטאַנען בלויז פון יידן. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם צו זען אַלע חדרים, משרדים, (ביוראָען) באַצייכנט מיט העברעאישע אויפשריפטן, אַלע, אַפילו די מלצרים (קעלנערס), רעדן אַ שפּרודלדיקן העברעאיש.

די שיף, אויף וועלכער עס פלאַטערט אַ בלוי־ווייסע פאָן, טראָגט אויף זיך אַן אמתן קבוץ גליות. עס געפינען זיך דאָ יידן פון פוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע, איטאַליען, טוניס, מאָראָקאָ, אַביסיניען און פון אַנדערע לענדער. אויך ארץ ישראל יידן זענען דאָ פאַראַן: גאַנצע משפחות, מיט קינדער פון צוויי יאָר און עלטער, וועלכע פאָרן צוריק אַהיים פון אַ לוסטרייזע אין אייראָפּע.

כמעט אַלע רעדן העברעאיש פליסיק, שפּרודלדיק. מזל טוב, מזל טוב! — הערט זיך פלוצלינג אַן אויסגעשריי פון הונדערטער פּאַסאַזשירן. אַ נייער פּאַסאַזשיר איז צוגעקומען! אַ צברא איז געבוירן געוואָרן אויפן ארץ־ישראלדיקן „באָדן”. אַ נייער בירגער פאַרן לאַנד!

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ ספּאָנטאַנע שמחה. מוזיק האָט געשפּילט, פּאָרלעך האָבן געטאַנצט און געזונגען העברעאישע לידער. געלט האָט זיך גענומען שיטן פון אַלע עקן פונם גרויסן זאַל, און ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סומע פון אַ פּאָר הונדערט פונט, אַ מתנה פאַרן נייעם געבוירענעם.

צווישן דעם קאָלירפולן, פילפאַרביקן, אינטערעסאַנטן עולם האָב איך באַגעגנט אַ בר־מצוה בחור, אַ צברא, וועלכער רעדט פינף שפּראַכן: העברעאיש, יידיש, דייטש, ענגליש און פראַנצויזיש. אַ שיינער, קלוגער בחור. צו פאַרגלייכן אים מיט אַ לאָנדאָנער בר־מצוה בחור איז ווי צו פאַרגלייכן הימל מיט ערד! רעדנדיק מיט אָט אָ דעם בחורל, האָב איך דורך זיין פיינעם סטיליזירטן העברעאיש דערפאַרן, אַז ער פאַרמאָגט אַן אַלגעמיינע, געזונטע, לאָגיש קריטישע השגה כמעט בנוגע אַלע ארץ ישראלדיקע פראגן און פּראָבלעמען, און אַפילו בנוגע דער פראגע העברעאיש־יידיש. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער, דער צברא, גלויבט נישט און קען זיך

* מיר דרוקן גערן אָפּ די נסיעה־איינדרוקן פון צבי אַרנשטיין וועלכער האָט דאָס יונגע לאַנד געזען מיט די אויגן פון אַ פּעדאַגאָג. —ד.ר.



נישט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל אין זיין ישראל מזלזל זיין אין כבוד פון יידישן לשון. ווי אַזוי, זאָגט ער, קען איך יידיש? מיט מיין מאַמען, וועלכע שטאַמט פון דייטשלאַנד, רעד איך דייטש, מיט מיינע חברים רעד איך עברית. איז ווי אַזוי, זאָגט ער, קען איך מיך צוזאַמען רעדן מיט אַ ייד אין יידיש, אויב מען זאָל נישט רעדן אין מיין ישראל אויך יידיש? איך אַליין בין פון תל אביב און דאָרט רעדן אַ סך יידן מאַמע־לשון, האָב איך זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש.

דעם בחורס קינדישע באַגייסטערונג, התלהבות און ליבשאַפט פאַר ישראלס פאַרכישופדיקע לאַנדשאַפטן, איז אין לשער. וואָס, זאָגט ער, די גוים פאַרמאָגן שיינע בערג? איז מה בכך? איז וואָס? האָבן מיר דעם הר הכרמל, די הרי יהודה, די הרי הגליל! זיי האָבן שיינע טייכן? איז מה בכך? האָבן מיר דעם ים כנרת, דעם ירדן, דעם ירקון! זיי האָבן קארלסבאַד? האָבן מיר חמי טבריה! אונזער ירושלים איז דאָך אַ כלילת יופי. אין מיינע אויגן — גיט ער אַלט־קלוג צו — איז זי לכל־הפחות אַזוי שיין ווי אייער ענגלאַנד, מיט די פאַררויכערטע הייזער, מיט די פאַרכמאַרעטע ברוגזדיקע הימלען... ביי אונז איז דאָך אַ מחיה; ס׳איז לעבעדיק, לוסטיק, דער הימל איז תמיד קלאָר, לויטער ווי קריסטאָל. די זון שיינט, די הייזער זענען ליכטיק. אַזוינע נאַטור־שיינקייטן, ענדיקט ער, ווי דער כנרת, דער ירדן, דער הר הכרמל און אַנדערע מקומות אין ישראל האָט ער כלל נישט געזען נישט אין פראַנקרייך און נישט אין ענגלאַנד ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע פעריען.

אָט אָ דער פּאַטריאָטישער בחור איז אויך אַ גרויסער קריטיקער לגבי די נטורי־קרתא, וועלכע פאַרשטייען נישט נאָך זיין מיינונג, אָפּצושאַצן די העלדישע מעשים און קרבנות פון די גבורי־ישראל, וואָס האָבן פאַר זיי, פאַר די נטורי־קרתא, געקעמפט און אוועקגעגעבן זייער גוף און נשמה. בוגדים זענען זיי, פאַררעטער! — כעסט ער זיך: מען דאַרף זיי באַקעמפן בכל חומר הדין.

אָט אזא בחורל האָב איך שוין באַגעגנט אויף דער שיף.

מיר קומען אָן צו די ברעגעס פון חיפה. די שטאָט, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ יפהפיה, אַ מזיגה, אַ מישונג פון אייראָפּעאיזם מיט אָריענטאַליזם; אַן אינדוסטרי־שטאָט, וואָס פאַרבינט גאַנץ ישראל. אַמאָל אין 1914, זאָגט אונז דער מדריך, איז נאָך חיפה געווען אַ קליינע שטאָט, מיט אַן ערך צוואַנציק טויזנט תושבים, צווישן זיי בלויז דריי טויזנט יידן, היינט־צו־טאָג ציילט שוין די שטאָט הונדערט און פופציק טויזנט יידישע תושבים, און מען פּלאַנט נאָך, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט זאָל זיך פאַרגרעסערן אויף דריי ביז פיר הונדערט טויזנט יידן. די אַראַבער האָבן, נאָך זייער מפּלה, מיט זייער אייגענעם ווילן אויסגעוואַנדערט צום עבר הירדן, פאַרלאַנגענדיק אַ דערלויבעניש מיטצונעמען זייער האָב און גוטס. דאָס יידישע מיליטער האָט זיי די דערלויבעניש געגעבן און זיי באַגלייט ביז צו דער גרעניץ.

איך בין אָרים אין ווערטער איבערצוגעבן אַ מה־שהו פון דער וווּנדערבאַרער שטאָט חיפה, און איבערהויפּט פונם הר הכרמל.

דער הר הכרמל איז די קרוין פון דער פּרעכטיקער שטאָט חיפה, אַ כלילת יופי. אַ יעדן ייד איז דאָך דער הר הכרמל באַקאַנט נאָך פונם תנ״ך. דאָרט,

אויפן הר הכרמל האָט אַמאָל אַרומגעשפּריזט אליהו הנביא, צונויפגעפנדיק די נביאי השקר צו אַ וויכוח וועגן בעל, און נאָך זיין דערפאָלגרייכן נצחון — זיי דאָרט אומגעבראַכט.

ביינאַכט זעט דער כרמל אויס ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט. דער בארג בלישטשעט, פינקלט פון די עלעקטרישע פלעמלעך, וואָס שיינען אַרויס פון די הייזער, וועלכע זענען אָנגעלענט אויף זיין רוקן. מען ווערט פשוט פארכשופט, צוגעקלאַמערט צו דער הערלעכער פּאַנאָראַמעדיקער סביבה וואָס שימערירט ווי מיט בריליאַנטן און איידלשטיינער.

נישט אומזיסט ווערן אַזוי באַזונגען די דריי שיינקייטן פונם לאנד ישראל: דער כרמל, דער ירדן, און כנרת — אין אַ ליד מיטן נאָמען: „אוי, אוי, אוי, כרמל, ירדן, כנרת"! קינד און קייט זינגט אָט דאָס לידל, צוטאָנצנדיק דערביי אויף אַלע כלים, ביז צו דער העכסטער עקסטאַז. איך האָב מיך ממש נישט געקענט אָנזעטיקן מיט דער וווּנדער שיינער פּאַנאראַמע. אַזש דריי מאָל האָב איך זי געמוזט זען בייטאָג און ביינאַכט.

פון חיפה בין איך געפאָרן מיט אַ טעקסי צום עמק יזרעאל צו אַ קבוץ, וואָס רופט זיך מזרע, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט די בערג אפרים, הר הגלבע און אויך פון הר התבור און הר קפיצה, די בערג פון נצרת.

אגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער נאָמען הר קפיצה, (דער בארג פון שפּרינגען) נעמט זיך דערפון וואָס לויט דער לעגענדע זאָל אויף דעם בארג יעזוס האָבן געמאכט דעם ערשטן שפּרונג אַרויפצופליען אין הימל אַריין. די אַראַבער ווייזן אַפילו אָן מיט אותות ומופתים אַ סימן פון יעזוסעס פוסטריט.

צו שרייבן איבער יעדן פונקט פרטימדיק וואָלט פארנומען צופיל פּלאַץ, וועל איך בלויז איבערגעבן אַ פּאָר פרטים וועגן קבוץ מזרע, וועלכער איז איינגעהילט אין גרינעם פון בוימער, פּרדסים און כרמים; און ארומגערינגלט פון גרויסע שטחים גרינע פעלדער וואָס דערגרייכן ביז צו די ברעגעס פון די בערג און וואָס באַצירן די פּערציק שיינע מאָדערנע הייזער.

אַ גאַנצן טאָג ווערן די פּרדסים, כרמים און בלומענגערטנער באַשפּריצט מיט וואַסער פון די פאָנטאַנען.

דער קבוץ פאַרמאָגט זיינע אייגענע ווערקשטאַטן, ווי סטאָלעריי, שוסטעריי, שניידעריי, וועשעריי, און אַפילו אַ ווערקשטאַט פון אויטאָבוסן. דאָ געפינט זיך אויך אַ לעזע־האַלע מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק. כמעט יעדן אָוונט, נאָך דער ארבעט, פארזאמלען זיך די חברים אין אַ גרויסן זאל, וווּ מען האַלט אָפּ רעפעראַטן, קאָנצערטן און אנדערע קולטורעלע פאראנשטאלטונגען. עס איז באמת אַן אידעאַל, שפּרודלדיק לעבן.

קינדער פון צוועלף יאָר אַרבעטן אויך אַ פּאָר שעה אין טאָג אין די פּרדסים און כרמים. אַמביציעס פון געלט פארדינען איז דאָ נישט פאראַן.

דאָ געפינט זיך אויך אַ קליינער גן החיות, אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן, אין וועלכן עס האלטן זיך אויף קליינע חיות און עופות, כדי צו לערנען מיט די קינדער ווי אַזוי אומצוגיין מיט זיי; כדי איינצופלאַנצן אין די קינדער אַ



ליבשאַפט צו די דאָזיקע ברואים. צו דעם זעלבן צוועק איז אויך פאראן אַ בריכת דגיגים, (אַ טייכל פון פישלעך) פאר די קינדערס וועגן.

דער קבוץ פאַרמאָגט אויך שטאַלן פאַר צוויי הונדערט בהמות און פיר הונדערט שאָף. די פּאסטוכער טראָגן מיט זיך מיט ספרים צום לעזן. איינער איז פארטיפט אין אַ פילאָזאָפיש בוך, אַן אַנדערער אין דר. יוסף קלויזנערס אַ ספר. דאָס געלד פון די פּראָדוקטן, וואָס ווערן פארקויפט, ווערט פארווענדט אויף צו פארגרעסערן און פארשענערן דעם קבוץ.

דאָ אַרבעט דער יחיד פאר כלל, און דער כלל — פאַרן יחיד.

עסן איז דאָ פאראַן פון כל מיני מזונות, טאַקע בשפע רב. אַ גאַסט ווערט אויפגענומען אין קבוץ מיט אָפענע אָרעמס.

די קינדער דערציאונג איז אַ באַזונדער אינטערעסאַנט קאַפּיטל. די קינדער שטיין דאָ אונטער דער השגחה פון געניטע מטפלות (פלעגערינס), פּעדאַגאָגן און לערערס.

אגב איז כאראקטעריסטיש אַ געשפּרעך פון די כלומרשט חוצפהדיקע קינדער מיט מיר. זייער נאאיווער ערנסט האָט גראד אויף מיר געמאַכט אַ גאָר גוטן איינדרוק. איך קוק מיך צו צו פיר קליינע קינדער, וואָס שטיין נעבן אַ פענסטער אַריינקוקנדיק אין אַ בית תינוקות (אַ בייבי האָם) אונטערהאַלטנדיק זיך מיט זיי. מיך אינטערעסירט דער גאנצער ענין. איך דערנעענטער מיך צו זיי. פלוצלינג ווענדט זיך צו מיר אַ מיידעלע פון פיר יאָר בזה הלשון. „התלך מכאן?" (דו וועסט אָוועקגיין פון דאַנען?) „לא" (ניין), ענטפער איך. דערויף גיט מיר דאָס מיידעלע אַ זאָג אַריין: „אתה טפש!" (דו ביזט אַ נאַר!) איך ווענד מיך צום יינגעלע, וואָס שטייט דערנעבן און פרעג אים: „האמת הדבר מה שהיא אומרת"? (איז דאָס אמת וואָס זי זאָגט?) דאָס יינגעלע האָט מיך שוין געקענט אַלס דוד צבי (אָנקל צבי). פארדריסט דאָס אים פאר דער באַליידיקונג, און ער זאָגט צום מיידעלע: „לא, לא אמת הדבר! את טפשה! דאָס מיידעלע פארכעסט זיך און זאָגט אים אַריין: „אתה טפש והוא טפש!" (דו ביזט אַ נאַר און ער איז אַ נאַר!) און צו מיר לאָזט זי אויס דעם גאנצן כעס. „אני אדקור אותך באקדח!" (איך וועל דיך דערשטעכן מיט אַ שפּיז!) „אני אהרוג אותך!" (איך וועל דיך דערהרגענען!).

דאָס קלוגע קינד איז אָבער גערעכט געווען פאַר דעם פּסק, וואָס איך האָב באקומען. דער פאָטער האָט מיר דערקלערט, אַז ס'הערשט אַ קינדער קראַנקייט, אַ פּאַראַליזש, האָט מען פארזאָגט אַ פרעמדן צו דערנעענטערן זיך צו די בייביס. און דאָס קינד וואָס ווייסט גענוי אלץ וואָס קומט פאָר אין קבוץ, האָט פשוט געהאט די בעסטע כונה צו פארהיטן די בייביס פון אַ סכנה. דערווייסנדיק זיך אָבער שפּעטער, אַז איך בין דער אָנקל צבי, (הדוד צבי), האָט זיך דאָס קינד פארשעמט און אָנגעהויבן צו באַציען זיך צו מיר מיט ליבשאַפט, וועלנדיק אַזוי אַרום פארריכטן דעם חטא... נישט אומזיסט ווערן די ארץ־ישראלדיקע קינדער געגליכן צו צבראַ'ס, אַזוינע פלאַנצן וואָס זייערע פּרות שאָלעכץ איז שטעכעדיק און אינעווייניק זענען זיי זאַפטיק זיס און געשמאַק...

די וועלט וואָלט באדארפט לערנען פון אַ קבוץ ווי אַזוי צו דערציען אַ

דור פיזיש געזונטע שיינע ברילִיאַנטענע קינדער.

אָפּשטעלן זיך באריכות איבער די דריי באַרימטע באַרג־שטעט פון גליל, צפת, טבריה און נצרת, מיט זייער אויסערגעוויינלעך פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט.



צבי אַרנשטיין מיט אַ קינד פונם קבוץ

וועל איך מיך נישט. אָבער פטור בלא כלום אי אפשר. עפּעס וואָס וועל איך דאָך איבערגעבן.

צפת, די יפת תואר, ציט צו זיך צו ווי אַ מאַגנעט. פונם גאנצן לאנד קומט



מען אַהער, איבערהויפּט טוריסטן, כדי זיך אָפּצורוען און שעפּן נחת און תענוג פון די באַרימטע אנטציקנדיקע בארגיקע לאנדשאפטן, באַקענענדיק זיך אגב מיט די היסטאָריש־מיסטעריעזע אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרט. אַ ריי אַר־טיסטן, סקולפּטאָרן, האָבן זיך דאָרט באַזעצט כדי צו ציען אינספּיראַציע פאַר שאַפן עפּעס אָריגינעלעס. אַזוי האָט מיר איבערגעגעבן אַ סקולפּטאָר אַליין, — אַוורעט הייסט ער — מיט וועמען איך האָב מיך דאָרט באַקענט.

אָנקוקנדיק טבריה מיטן העכסטן באַרג פונם לאנד, הר העצמון, און אָנ־שפּיגלענדיק זיך אינם כנרת, אין די זילבערנע כוואַליעס, וועלכע ווערן באַ־גאָסן מיט גינגאָלדענע שטראַלן פון דער שיינענדיקער זון און באַטראַכטנדיק די אָפּוועקסלדיקע קאָלירן און פאַרבן דורך דער השפעה פון די שאָטנדיקע בערג, האָב איך זיך דערמאָנט אינם שטאָלצן, פּאַטריאָטישן בר־מצוה בחורל אויפן שיף און פון זיין באַגייסטערונג מיט אָט אָ דעם ים כנרת. ערשט איצט האָב איך אים גוט פאַרשטאַנען...

---

## אביגדור המאירי

### דער בית-המקדש פון דער גרויסער רו*

איבערזעצט פון רחל דון-יחיא

דער מדבר פון אַקטואַליטעט ברענט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער,
און איך, אַן איינזאַמער וואַנדערער, קיין אָפּקלאַנג, קיין פריינט,
איך גיי, און גיי, און גיי — ווער קען זאָגן וווהין? —
די געלע היץ ברענט און ברענט, זי צושמעלצט און מאַטערט אויס;
צעשוויצט, דערשלאָגן, מדבר אָן־ענד, אַנטוישט ווערט דאָס האַרץ,
איך גיי און חלש אַוועק —
און פּלוצלונג ברעכט אויס אַ וויס־ליכט קעגן מיר —
אַ דערשיינונג פון גאָט'ס פּנים אַליין: די פאטא מאָרגאַנא — אַ מיראַזש.

דאָס איז דער גן־עדן התחתון, אין געבענטשטן, רייכן גרין,
ער ענטהאַלט דעם היכל פון זון, מיט טורמען פון עלפן־ביין;
דער בית־המקדש פאַר דעם וואָס איז מיד, אין שרעק,
פאַרגעסן, געשטאָרבן, פריצייטיק אַוועק.
דער בית־המקדש פון אייביקייט פון דער גרויסער רו,
פאַר יעטווידן מענטשן און פאַרן חולה דערצו.

---

*דער העברעאישער אָריגינאַל איז געווידמעט צו: אַלעקסאַנדער קורדו, דער קינסטלער, דער מענטש.

דער גאָלדענער ריגל מיט זיידנס־גערויש לאַנגזאַם באַוועגט זיך,
און דער מאַרמאָרנער טויער ווערט ברייט צעעפנט פאַר מיר.
דער כהן־גדול, דער אייביק־פאַרשטומטער טרויער און קומער,
איז מיר דאָ מקבל־פנים ביים טיר.
אין טלית פון רו, די רו די געבענטשטע ווער איך איינגעהילט,
כ'קוק אויס אין גאָט'ס אויג זייער אומגליקלעך.
און כ'פאַל אויף מיין פנים.
מיין האַרץ נאָך צוציטערט, צווויטאָגט, פאַרביטערט,
צופרעסן מיט צער, וועלכער געפינט שוין זיין גסיסה אין מח,
עס קאָכט נאָך די טרער מיט בלוט אויסגעמישט:
כ'בין נאָך אַלץ נישט מער ווי אַ מענטש.
דאָך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צושפרייט ווערט די שכינה—פונאַלעם—אויף מיר.
איך שטיי אויף און גיי צו צום ארון־הקודש מיט מורא,
איך צעעפן די שוואַרצע, שווערע פרוכת,
און הער ווי די אייביקייט טוט רעדן צו מיר:
— געמאָסטענע טעג ז'נאָר אַ מינוט, צענדליק־טויזנטער די יאָרן פון ליכט.
האָסט גוט געטאָן וואָס דו ביזט געקומען אַהער;
האָסט גוט געטאָן וואָס דוס'ט געחלומט פון מיר.
איצט פון דעם חלום וועק אויף.
סוף כל סוף מוזטו וויסן: ס'איז גאָרנישט. כדאי, נישט כדאי.

אויסלויטערן זאָל זיך דיין מח דורכן אָנריר פון מיין פייערדיק־האַנט,
זאָלסט באַגרייפן דעם סוד — דעם כח פון: נישט כדאי, נישט כדאי.

די מאַמע פון אַלע תורות, געגעבן אויף די בערג פון סיני,
די גרעסטע פון אַלע מצוות איז די מצווה פון: נישט כדאי, נישט כדאי.

דער בוים ביינקט נאָך ליכט, נאָך גליק יעדער בעל־חי,
דער מענטש אין זיין אינערלעך וועזן ווייסט: נישט כדאי, נישט כדאי.

איבער אַלע ספקות וואָרנט דיך דער ודאי,
דער גרויסער ודאי פון: נישט כדאי נישט כדאי.

גליקלעך ז'דער מענטש, וועלכער קען זאָגן: גענוג, איידער די צייט גייט פאַרביי,
כ'האָב שטאַרק געליטן, געוואָרן אויך קלוג: אַלץ נישט כדאי.

דער שם־המפורש אין סוד פון מלכות־שדי
איז דער שרעקלעכער סוד: נישט כדאי, נישט כדאי.
ס'איז נישט כדאי קיין שלעכטס, נישט כדאי שום ווייטאָג,
און נאָך מער ווי אַלץ נישט כדאי דער אויסלייזן;



פון די ציינער פון וואָלף וועסטו דיין פאָלק היינט אויסלייזן,
און מאָרגן וועט ער מיט זיינע ציין קריצן, דיך איינשלינגען צועפנען דאָס מויל.
פון זיין ארמוט און ליידן וועסטו דעם מענטשן באַפרייען
און קוים פון די קייטן אַרויס — ער ברויזט שוין דורשטיק נאָך בלוט.
נישט לויף ווי אַ הירש, און נישט זיי שטאַרק ווי אַ טיגער —
אין די סאַפירענע ווייסקייט קוק נאָר אַ מאָמענט־פון אייביקייט אַריין:
נאָך אַ צענדליק־טויזנטער יאָרן — און ווער ס'דאָס געווען האמער?
און נאָך אַ פאָר צענדליק־טויזנטער און ווער ס'דאָס שעקספּיר?
באַרואיק נישט דיין האַרץ, אַלץ איז נאָר אַ מינוט, אַ רגע.
און וואָס איז די נפקא מינה אַ שד צי אַ גאָט?
און וואָס איז דער ערד־קוגל אין פאַרגלייך מיט דער וועיגע*
און וואָס איז אַ וועלט־נאָמען און דער נצח־ישראל? —
און גיב דיך ניט קיין מי, ס'איז נאַריש אויסצופאָרשן
וועגן דעם קליין ווערימל אין „זיין" דמות באַשאַפן;
נאָך אַ טאָג גייציק וועסטו דאָ אַרומבלאָנקען ביז זיין צייט קומט,
און אייער ערד־קוגל בלייבט שטיין פאַרפרוירן.
גייציק נאָך פיל מאָל וועסטו דאָ אַרומבלאָנקען, אַזוי איז שוין באַשטימט:
מיט יעדן אויפגאַנג פון טאָג צו פאַרוואַנדלען גאָט'ס־גייסט אין אַ תהו.
אָט שוין אין דעם מאָרגן ווידער שטייט אַ טאַרקוואָמאַדע
און די יסורים פון מענטש, אין זיין אייגענעם געשטאַלט, איז אַ נחת פאַר אים.
פאַרמאַך דיינע אויגן און די וואָכעדיקייט טו פון זיך אויס,
און זאָג נישט קיין וואָרט און טראַכט גאָרנישט אויס;
דיין האַרץ פאַרניכט און זאָלסט שעפּטשן גאַנץ שטיל
די תפילה פון דער אייביקייט: נישט כדאי, נישט כדאי.

אין בית־המקדש פון דער גרויסער רו
זאָלסט ווערן דער אייביקער כהן, און ברענגען פאַר אַ קרבן עולה
דיין הייס האַרץ צום שר פון גאָר־גאָרנישט —
דערהויב דיך און פלי צו די זיבן־שטערן־געבערג,
צום אָרט וווּ ס'עקזיסטירט ניט קיין גליק, קיין קומער,
און אויך ניט קיין טויט.

*לייכטענדיקער שטערן אין דער נאָרד העמיספערע.

■ אבאנירט „לשון און לעבן" — אנאנסירט דערין.
■ שטיצט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל וואָס מיר האָבן דאָ אין לאָנדאָן.
■ ווערט מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לשון".

יוסף נוימאַן

## הערש צפת׳ער

(אַ תל אביבער טיפּ)

דער אַלטער ישוב האָט אַ ווערטל „היט מיך גאָט, פאַר פייער און וואַסער פון טבריה׳ער און צפת׳ער". מסתמא איז דאָס געזאָגט געוואָרן וועגן הערש צפתער, אַ ייד אַ געלער, די אייגעלעך לאַכן אַרויס ממזריש שפּיציק. איר דאַרפט לאַנג נישט טראַכטן — איר האָט פאַר זיך אַ פויגל פון פויגל לאַנד.

פון וואָס לעבט אַזאַ, פון דור־דורות צפתער יונגערמאַנטשיק? ער לעבט פון דעם, וואָס מען טאָר נישט. ער איז צעקריגט מיט אַלע לאַוון. ווי „לא" איז ער אים אַ דם שונא. ס׳איז פּשוט קעגן זיינע אינטערעסן, און דאָס האָט ער פיינט, ווי אַ פרומער ייד בשר חזיר.

לא תגנוב — אַבפּירושער פסוק אין דער תורה — איז עס אָבער איינס פון הערש׳ס באַליבטסטע פאַכן, אַחוץ אַ טוץ אַנדערע, מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך. ער זאָגט אַפילו, אַז ער מאַכט עס לשם ספּאָרט — אויף אַ געלעכטער זאָל עס הייסן. מיט זיינע שפּיציקע אייגעלעך כאַפּט ער אויף אַ גנבה־שאַנסל, גיכער ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל. פלינק איז ער ווי אַ וועוויריק — טוט ער זאָפּ אַ „שטיקל אַרבעט" אויף די אויגן פון צענדליקער געסט אין די באַלעבטסטע קאַפעען. אַלע ווייסן אַז דער צפתער האָט דאָס דורכגעפירט. פרוווט אָבער ביי אים דאָס גניבהלע געפינען — די גאַנצע קאַפּע שטעלט זיך אויפן קאָפּ און אַזוי ווי אין אַ וואַסער אַריין. ער איז אַ קינסטלער־אַמאַטאָר. ער וועט זיך אָבער נישט פאַרשעמען פאַר אַ ספּעציאַליסט.

ס׳איז פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט חאַשיש, אָפּיום, קאָקאַין און נאָך אַזעלכע דעליקאַטעס און גוטע זאַכן — דער צפתער שטעלט עס אייך צו צו יעדער צייט, אָבער אויך פאַר יעדן פּרייז. ער רייסט אַראָפּ די הויט פון זיינס אַ קרבן, וועלכער קען זיך אָן די אַרטיקלען נישט באַגיין. פון וואַנען ער שלעפּט די סחורה — דאָס איז שוין זיינס אַ האַנדלס סוד.

איין גוטע מעלה האָט הערש אין דעם פאַרסם־פאַך. זאָגט ער, אַז דאָס פּעקעלע סם איז רעיעל, איז עס הונדערט פּראָצענט אמתער סם.

„כ׳רייס טאַקע די הויט פון אייך, אָבער גאָלדענע סחורה באַקומט איר, בחי אַסאַך" (ביי דיין לעבן) — אַזוי זאָגט הערש.

דאַרף ווער עס איז „לאָקשן" (דאָלאַרן) — איין וואָרט, און דער צפתער שאַפט זיי — פון אונטער דער ערד. מאַכט זיך, אַז די גאַנצע שוואַרצע דאָלאַרן־בירזשע שטעלט זיך אויפן קאָפּ, קראַפּירט פאַר אַ דאָלאַר, און „לאָקשן" זענען פּשוט נישט פאַראַן — כאָטש אַ מיליאָן פאַר איינעם. פאַרשוווּנדן — און אַ עק— אָבער הערשט האָט יאָ. פון וואַנען ער נעמט זיי ווייסט כמעט די גאַנצע בירזשע. אָבער אַרויסבאַקומען זיי און אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין, אויף דעם איז פאַראַן נאָר איין מאַכער. און דאָס איז דער צפתער. ער איז אויסגעקאָכט, קנעפּל שבקנעפּל מיט אַלע דאָלאַרן־ שמוגלערס, אַראַבטשיקעס פון סיריע, לבנון און עבר־הירדן, ער קען אַלע זייערע פוילע שטיק, קען זייער



שפּראַך, ווערטלעך און מנהגים. מיט קיין אַנדערן ווילן זיי אַפילו נישט רעדן. אים געטרויען זיי, רופן אים נישט אַנדערש ווי „אַחו" (ברודער) און וואָלטן פאַר אים אַ זאַק באָרשטש ניט אַוועקגעגעבן.

געווען איז ער אויך פאַרבונדן מיט אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי אין גענעראל אַנדערסענס צייטן. זיי פלעגן דאָס אַריינשמוגלען פון עגיפּטן פרעמדע וואַלוטע, — געמאַכט שטיקער גאָלד און דער גאַנצער „כל ולך" איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער צפתער. נישט קיין ווונדער, אַז רעדן רעדט ער אַ צענדליק שפּראַכן. מיט אַן ענגלענדער — ענגליש, מיט אַ פראַנצויז — פראַנצויזיש און אויב איר ווילט איז גריכיש אויך.

אין צענטן הימל פילט זיך אָבער דער צפתער ווען ער קען זיך מיט עמיצן דורכרעדן אויף אַראַביש. דאָ „יאַ חאַבוב", האָט איר אים געקויפט. ס׳לעבן גיט ער אייך אַוועק פאַר אַ קיבעץ טאָן אויף אַראַביש לשון. ער זאָגט זיך לגמרי נישט אָפּ פון אַ שטיקל באָדן־האַנדל. אָבער דאָס מוז שוין זיין גאָר אַ גרויסע קאָמבינאַציע. מיט קיין קליינע זאַכן פאַרנעמט ער זיך נישט. נישט פאַר זיין צפתער כבוד.

למשל, אַ פינף הונדערט דונאם צווישן ראש־פינה און צפת — שפּאָט ביליק, אינגאַנצן אַ פופציקער אַ דונאָם, פיין צוגעשניטן און אויספּאַרצעלירט, כאָטש כאַפּ און שטעל זיך בויען. ער האָט אַפילו אַ מאַפּע, ווו יעדער איינער קען זען רויט אויף בלוי שיין אויסגעצייכנטע קאָלירטע קעסטעלעך. יעדעס קעסטעלע אַ מגרש.

פאַראַן, אויף דער מאַפּע פאַרשטייט זיך, רעזערווירטע פלעצער פאַר אַ טעאַטער, בית־עם און, להבדיל אַ פלאַץ פאַר אַ שול און אַ מקוה, ווייל מען דאַרף וויסן, אַז הערש צפתער איז נישט קיין גראָבער יונג. בסך־הכל האָט ער געלערנט און געענדיקט אַ צפתער ישיבה און קען זיך אויף די דריבנע אותיות. מען שמועסט אַז ער האָט אַפילו סמיכות אויף רבנות. דעריבער זאָרגט ער אַזוי שטאַרק וועגן אַ שול און אַ מקוה... פּאַקט טאַקע הערש פרומע קרבנות. ווייל וועלכער אמת־פרומער ייד וואָלט דאָס נישט געוואָלט וווינען אין דער הייליקער שטאָט; אויב נישט וווינען, איז כאָטש האָבן אַ מגרשל דאָרטן. און דאָ שיקט גאָט אונטער אַזאַ ווילדע מציאה, ממש מן השמים.

די צרה איז נאָר, וואָס דאָס „גליק" געפינט זיך לעת־עתה נאָר אויף דער קאַרטע. דער צפתער טענהט אַפילו, „מאַלעש" (ס׳מאַכט נישט אויס), ווי נאָר ער פאַרקויפט די מגרשים, וועט זיך שוין דער באָדן מיט גאָטס הילף אָפּגעפינען.

ס׳איז אַ סברה, אַז ער האָט שוין הונדערטער פרומע יידן, ספּעציעל ירושלימער, אַריינגעלעגט, און דער באָדן איז לא עליכם נישט דאָ אויף „דער וועלט". אָבער ירושלימער יידן האָבן דאָך גרויס בטחון — האָפט מען, אַז ס׳וועט נאָך זיין גוט און מען וועט נאָך דערלעבן צו זען אַ מגרש פאַר די אויגן. און הערש צפתער האָפט ווייטער, אַז ער וועט נאָך קענען אַ שיין ביסל יאָרן פאַרקויפן צפתער באָדנס.

מעל, צוקער, רייז, אָן קאַרטן איז אַן אײדעלע זאַך, און וועלכע תּל־אביבער באַלעבאָסטע קומט־אויס אָן שוואַרצן מאַרק? וי וואָלט נעבעך געוואָלט, אָבער ס׳גייט נישט. געווען אַ צייט, וואָס פֿאַר קיין שום געלט האָט מען קיין לעק ציקער נישט געקריגן, און אויב שוין יאָ, איז עס געווען אַ ביסל געל־שוואַרץ מיסט, האָט מען זיך פֿאַרבונדן מיט הערש צפֿתער און ער האָט אײך אָן שום שוועריקייטן געליפֿערט אין יעדן קוואַנטום צוקער, ווייס ווי שניי. אײן באַדינג פֿלעגט ער שטעלן; נישט שטעלן זיך אויפֿן פּרייז. דאָס קאָסט עס. ווילסטו־נעם; נישט — איז „מוש־לאַזעם“, דאַרף מען נישט.

אויסגעקאָכט מיט דער גאַנצער מאַנדאַטאָרישע פּאָליציי האָט ער געפּיפּן אויף דער גאַנצער וועלט, געפֿירט די סחורה אָפֿן, פֿראַנק און פֿריי. ביי אים האָט מען נישט געזוכט. אים האָט מען נישט געכאַפּט. פֿאַרקערט, טאָמער איז עמיצער פֿון די שוואַרצע־סחורה־צושטעלער אַרײַנגעפֿאַלן, האָט אים דער צפֿתער פֿאַר אַ פּאָר טאָלער (עד־היום רופֿט ער פּיאַסטערס — טאָלערס. נאָך פֿון טערקס צייטן), אַרויסגעשלעפּט פֿון דער בלאָטע.

האָט ווער פֿון די חלוצים (כאַלופּוצים פֿלעגט ער זיי רופֿן) געוואָלט באַ־קומען ארץ ישראל בירגערשאַפֿט און געקומען איז אַזאַ יאַט אומלעגאַל און אפֿשר גאָר אויף אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט — און אַרויפֿברענגען אין „עמיגריישן־דעפּאַרטמענט“ אַזאַ פּעסל האָט געהייסן אַרײַנכאַפּן זיך אין חד־גדיא, ס׳האָט געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן פֿון לאַנד — שיקט אָבער גאָט צו די רפֿואה פֿאַר די מכּה. האָט געדאַרפֿט טרעפֿן, אַז מיט יאָרן צוריק איז אין צפֿת אויסגע־בראָכן אַ שׂרפֿה און דער גאַנצער שטאָטישער אַרכיוו איז פֿאַרברענט געוואָרן. אויף דעם סמך פֿלעגט הערש צפֿתער פֿאַר אַ פּאָר לירות (פֿונטן) ברענגען די חבֿרה אישורים (באַשטעטיקונגען), אַז דער און דער איז אַ געבוירענער אַ צפֿתער פֿון דור־דורות, אַ אישור כּשר בתּכלית הכּשרות אונטערגעשריבן און געחתמעט דורך אַן אַראַבישן מוכתר — אונטערגעשריבן מיטן גראָבן פֿינגער כּדת וכדין, מיט צוויי עדות אַלס צוגאָב.

קעגן אַזאַ כּשרן דאָקומענט האָט שוין די ענגלישע מאַכט גאָרנישט גע־קענט אויפֿטאָן, און אַזאַ יאַט איז געוואָרן אַן ארץ ישראל בירגער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פֿון דור־דורות געבוירענעם צפֿתער יונגענמאַן.

פּונקט ווי אין אַלע עסקים טרעפֿט זיך, אַז הערש האָט אַ דורכפֿאַל — מאַכט אַ פֿויל געשעפֿט און בלייבט אונטערשטעליק. דער צפֿתער טרייסט זיך דאַן מיט אַן אַראַביש ווערטל „יום איל עסל־יום איל בסל“ (אַ טאָג פֿון האָניק, אַ טאָג פֿון ציבל) — מאַלעש! ס׳וועט זיין גוט.

---

**זונטאג**, דעם 28־טן **יאַנואַר**, 8 אַזייגער אין בן־אורי, פּאָרטמען סט., וו.1.

## די יידישע שרייבער אין סאוויעט רוסלאנד

עס באַטייליקן זיך: י. ביעטש, י. א. ליסקי, משה גליקסמאַן, נעט רובין.
פֿאָרזיץ: **א. נ. שטענצל.**

---



## א. נ. שטענצל

### ירושלים

זיבן טויערן האָט די שטאָט ירושלים,
אָבער דורך אָן אַכטן וועט משיח ערשט קומען;
אַן אויפֿגעבראָכענער ר׳וועט מוז צוערשט זיין,
ירושלים זאָל ווערן איינגענומען.

זיבן בערג רינגלען אַרום ירושלים,
און דער הר־המוריה שטייט פּונקט אינמיטן,
אָבער ערשט אויף אים וועט משיח זיך אָפּשטעלן,
ווען אין שטאָט אַריין ער וועט קומען געריטן.

זיבן טייכן פֿירן קיין ירושלים,
דער אַכטער — אונזער פֿאַרגאָסן בלוט און טרערן!
ווען דעם טייך משיח וועט אַריבערשפּרייזן,
דעמלט ערשט וועט גאַנצע וועלט אויסגעלייזט ווערן.

### בית-לחם

עס לעשן זיך די שטערן איבער בית־לחם,
ס׳קומען קיין מלכים מיט מתּנות נישט מער,
און ווו מאַמע רחל צו קבֿורה געקומען,
אויף פֿאַרטריקנטן אַקער פֿאַלט נישט מער קיין טרער.

אומרואיק מעקן די בהמות אין שטאַל,
אין די קאָריטעס איז קיין אָבראָק נישט פֿאַראַן,
גנבֿט זיך אָן אייזעלע פֿון דער שטאָט אַרויס:
ס׳וועט דאָך נאָך פֿאַרהונגערן צו וואַרטן, ביז וואַן — —

נאָר ווען מיט די אויפֿגעשטעלטע אויערן ס׳כאַפּט אויף,
פֿון ירושלים די שווערע קלויסטער גלעק,
צעוויערט עס זיך ווי אַ ווילדע סירענע,
און פֿאַרשווינדט ווי אַ ווינד ערגעץ־ווו אַוועק —

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

## פּריש געפֿאַלענער שניי
(טריפּטיך)

1. שניי

דאָס קאַלטע ווידער־קול וואָס קומט פֿון דרויסן —
אין שניי מען וואָלט געגאַנגען איבער די קנעכל;
מיט שווערע באַלעמס ס׳וואַרפֿן זיך יינגלעך צו
אַזאַ קלינגענדיק צעגלאַנצט זילבער־געפּעכל.

ווי מיט סודות זיינען באַהאַנגען די ווענט,
פֿון די ווינקלען ווינקט אַ וואַרטנדיק אויפֿרעגן;
אין מיין שטיבל כ׳גיי אַרום אויף שפּיץ־פֿינגער —
ס׳וואָלט אונטער אַ פֿאָרהאַנג אַ יולדת געלעגן.

2. (קליינע באַלאַדע)

שלייסט מען פֿעדערן פֿאַר אויסשטייער־קישנס,
צעצופּט מען דעם פּוך פֿאַרן בעטגעוואַנט?
אָדער איז עס שוין דער חתונה־שלייער,
וואָס שוועבט פֿאַר אירע בליקן נאָכאַנאַנד?

עס פֿאַלן מיד אירע וויעס אַראָפּ:
„...צומאָל נישט דאָס ווייסע טויטן־געוואַנט —
— — — — — — — —"
עס איז פֿעכלדיקער־פֿאַלנדיקער שניי,
וואָס צערינט מוטנע אויף איר סמוטנער האַנט.

3. שניי־מענטש

פֿונם שניי־מענטש, פֿונם אויפֿגעשטעלטן,
ס׳זיינען געבליבן קוים זיינע אויגן,
שטיקלעך קוילן, וואַסער־צעווייקטע,
פֿון די לעצטע גלאַנצן אויסגעזויגן.

אַ וווּנדער וואָס געבליבן ס׳איז נאָך דאָס,
אַז אויסגעוויינט מיט אַזויפֿיל טרערן — —
מיט בעזעם פֿון זיין אָרעם געפֿאַלן,
לעצטן שליאַד פֿון אים ס׳וועט ווער פֿאַרקערן.



## שנייעלעך...
(פֿאַר דיר)

פֿון הימלישעביימער, פֿאַלנדיקע בליטן,
אויסגעלאָשענעם טאָג זילבעריק צעהעלן;
אַזעלכע צעצווייגטע מוזן די ביימער זיין,
אַז מיט זייער ברייט די זון אונז זיי פֿאַרשטעלן.

אַ צעשטראַלטער שטערן ס׳איז יעדעס שנייעלע,
פֿיין איינגעפּאַסט אין דיין־געהעמערטן זילבער,
אָבער ווי נאָר אויף מענטשלעכער האַנט געפֿאַלן,
אויף אָפֿנער פֿלאַך, אַ טרער דערפֿון ס׳בלייבט בלויז איבער.

## סילוועסטער-קאַטאַ-סטראָפֿעס

### קאַרעאַ-קריסטמעס

פֿאַר יעדער כאַטע פֿאַר יעדער שוועל,
געבליבן נאָך דאָרט אויף פּאַראַלעל,
אַ דענקמאָל פֿאַר אים ס׳וועט בלייבן שטיין;
נישט פֿון בראָנז און נישט פֿון מירמלשטיין,

אויפֿגעשטעלט ער וועט ווערן פֿון שניי!
און אונטער אים די שורות די צוויי:
„האַרי קירי צו קענען באַגיין,
אַ שטיקל העלד מען מוז אויך שוין זיין".

### דעם נייעם זיגער...

ער לאָזט דאָך די גענעראַליכע אינדערהיים,
און מיט אין דער מלחמה די יונגע צאָפּע — —
10 טויזנט טויטע מער, 10 טויזנט ווייניקער —
עס איז פֿאַר אים נישט קיין גרויסע קאַטאַסטראָפֿע!

ווי יענער שיסער דאָס רעדעלע אַרום שאָס,
מאַכט ער דאָך דעם נצחון אויף דער קריגס־קאַרטע;
און אַז אינגאַנצן עס איז פֿאַרלוירן די שלאַכט,
אין דער געשיכטע ער בלייבט — אַ באָנאַפּאַרטע.

## פריש געפאלענער שניי
(טריפטיך)

1. שניי

דאָס קאַלטע ווידער־קול וואָס קומט פון דרויסן —
אין שניי מען וואַלט געגאַנגען איבער די קנעכל;
מיט שווערע באַלעמס ס׳וואַרפן זיך יינגלעך צו
אַזאַ קלינגענדיק צעגלאַנצט זילבער־געפעכל.

ווי מיט סודות זיינען באַהאָנגען די ווענט,
פון די ווינקלען ווינקט אַ וואַרטנדיק אויפרעגן;
אין מיין שטיבל כ׳גיי אַרום אויף שפּיץ־פינגער —
ס׳וואָלט אונטער אַ פאָרהאַנג אַ יולדת געלעגן.

2. (קליינע באלאדע)

שלייסט מען פעדערן פאַר אויסשטייער־קישנט,
צעצופּט מען דעם פוך פאַרן בעטגעוואַנט?
אָדער איז עס שוין דער חתונה־שלייער,
וואָס שוועבט פאַר אירע בליקן נאָכאַנאַנד?

עס פאַלן מיד אירע וויעס אַראָפּ:
„... צומאָל נישט דאָס ווייסע טויטן־געוואַנט —
— — — — — — — — —"
עס איז פעכלדיקער־פאַלנדיקער שניי,
וואָס צערינט מוטנע אויף איר סמוטנער האַנט.

3. שניי־מענטש

פונם שניי־מענטש, פונם אויפגעשטעלטן,
ס׳זיינען געבליבן קוים זיינע אויגן,
שטיקעלעך קוילן, וואַסער־צעווייקטע,
פון די לעצטע גלאַנצן אויסגעזויגן.

אַ וווּנדער וואָס געבליבן ס׳איז נאָך דאָס,
אַז אויסגעוויינט מיט אַזויפיל טרערן — —
מיט בעזעם פון זיין אָרעם געפאַלן,
לעצטן שליאַד פון אים ס׳וועט ווער פאַרקערן.



## שנייעלעך ...
(פאַר דיר)

פון הימלישע ביימער, פאַלנדיקע בליטן,
אויסגעלאָשענעם טאָג זילבעריק צעהעלן;
אַזעלכע צעצווייגטע מוזן די ביימער זיין,
אַז מיט זייער בריים די זון אונז זיי פאַרשטעלן.

אַ צעשטראַלטער שטערן ס׳איז יעדעס שנייעלע,
פיין איינגעפאַסט אין דין־געהעמערטן זילבער,
אָבער ווי נאָר אויף מענטשלעכער האַנט געפאַלן,
אויף אָפענער פלאַך, אַ טרער דערפון ס׳בלייבט בלויז איבער.

## סילוועסטער־קאטא־סטראפעם

### קארעא־קריסטמעס

פאַר יעדער כאַטע פאַר יעדער שוועל,
געבליבן נאָך דאָרט אויף פאַראַלעל,
אַ דענקמאָל פאַר אים ס׳וועט בלייבן שטיין;
נישט פון בראָנז און נישט פון מירמלשטיין,

אויפגעשטעלט ער וועט ווערן פון שניי!
און אונטער אים די שורות די צוויי:
„האַרי קירי צו קענען באַגיין,
אַ שטיקל העלד מען מוז אויך שוין זיין".

### דעם נייעם זיגער ...

ער לאָזט דאָך די גענעראַליכע אינדערהיים,
און מיט אין דער מלחמה די יונגע צאָפּע — —
10 טויזנט טויטע מער, 10 טויזנט ווייניקער —
עס איז פאַר אים נישט קיין גרויסע קאַטאַסטראָפּע!

ווי יענער שיסער דאָס רעדעלע אַרום שאָס,
מאַכט ער דאָך דעם נצחון אויף דער קריגס־קאַרטע;
און אַז אינגאַנצן עס איז פאַרלוירן די שלאַכט,
אין דער געשיכטע ער בלייבט — אַ באַנאַפּאַרטע.

## ניטל 1950

אויפגעעפנט ברייט ליגט די ערד,
אָ צעקעסטלטע ווי אַ שאַך־ברעט;
צעשטעלט זיינען די פיגורן
פון הירָאשימא ביז אין אַלד־געט.

איינגעשטעלט בייטאָג איז די זון,
די לבנה און שטערן — ביינאַכט!
אין ביידע זייטן די שפּילער,
צו זאָגן שאַך־מאַט, זיצן פאַרטראַכט.

און ווער עס זאָל ניט געווינען,
פינסטער בלייבן עס וועט אויף דער וועלט!
וואָרים די זון און די שטערן
מיט אינם שפּיל זיינען איינגעשטעלט.

## צוויי פּרעמיערס

פון ניו־יאָרק, פון שוימיקן העקסן־קעסל,
צוריק דער, מיט ליידיקן טשאַנקיי־טשעק,
און יענער פון דאָ, פאָרט ליידיק צוריק אָפּ,
מיט גאָלד־געליישטע ביכער, פולע פעק.

אָבער אויפן „פּאַראַלעל" שוין געצייכנט,
לאָנדאָן פאַר אַטאָם פאַלנדיקער ציל,
ווי ס'אָפּפאַלעכץ פון יענעם טשאַנקיי־טשעקל —
דער קעסל־צעשוימטער ישראל־אַפּיל.

## פאַריאַריקער שניי . . .

„אַ תימנער ייד זעענדיק שניי האָט געמיינט אַז עס איז מן"
(פון אַ ישראל אַנעקדאָט)

ווי אין מדבר פאַרן פונקט, ווי אין מדבר סין,
שטייט געצעלט ביי געצעלט נאָך אַלץ אויפגעשטעלט,
אַז עס וואָלט נאָר ווי אַמאָל דער מן געפאַלן,
ווי וואָלטן זיי אויפגעטייעט אין דער קעלט.



(וואָס עס פאַלט שוין דאָ אַראָפּעט פון די אַפּילס,
מ'שטיינס געזאָגט דער אַמעריקאַנער בלאָף!)
ווי זיי אָנגעקומען על כנפי נשרים,
פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט אָנפליען דער שליו?

אין זיין מויל אַ תימנער דעם „בעזרת השם",
מן צונויפצוקלייבן שוין געוועזן דאַביי,
איינמאָל אין דער פרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט,
איז עס גאָר געווען — פריש געפאַלענער שניי.

---

יוסף הלל לעווי

## וואס איז יידישע קולטור?

די דאָזיקע הארבע שאלה איז שוין אפט פאלטש דעפינירט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים מחמת יידישע קולטור ווי מיר דוכט — איז אַ צו ווייטער און ברייטער באגריף, איך וואָלט געזאָגט אן אוניווערזאלער — ווייל אויך דאָס קריסטנטום טראגט זי אויף אירע פלייצעס . . .

דער באגריף ווערט אָבער זער אפט פארוועקסלט, און אנשטאט צו רעדן וועגן אַ יידישער פאָלקסקולטור, רעדט מען וועגן אן אַלגעמיינער קולטור ביי יידן.

דערפאר קומען די העברעישע קולטוריסטן צו פאלטשע אויספירן, גלויבן נישט אַז מען קען אויך מיט דער יידיש־יידישער פאָלקסקולטור בויען אַ נייע יידיש לעבן . . .

מען קען מיט דעם זעלביקן טראָפּ אויך מטעים זיין דאָס וואָרט „העברעישע קולטור"... און זיך די זעלביקע שאלה ווי די העברעישע־קולטוריסטן* פרעגן— נאָר פארקערט: צי מען האָט אפשר מיט דער נייע העברעישער קולטור — דאָס מיינט מיט דראמאטורגיע, בילדער, סקולפּטורן פילמען גרויסע טעכנישע דערפינדונגען (ביי מיין גרעסטער און טיפסטער פארערונג אפילו צו דעם גרויסן העברעישן ראמאניסט און מערטירער י. ח. ברענער) און להבדיל בין החיים מיט די שאפונגען פון ז. שניאור, מיט דעם באַרימטן נאָוועליסט ג. שופמאַן. און אויך מיט די לידער: פון אורי צבי גרינבערג, אשר באראש, טשערניכאָווסקי און שניאור האָט מען אפשר מיט זיי די דאָזיקע מסירות און באַגייסטערונג פון וועלכע העברעיסטן רעדן אַזוי באַגייסטערט באשאפן? איך גלויב אַז אפילו אויך נישט מיט דעם דערהויבענעם אחד העם און זשעניאלן ח. נ. ביאַליק האָט מען דאָס יידישע לאַנד געשאַפן.

נאָר טאַקע מיט די נביאים און דער תורה, (וועלכע באַלאַנגט צו אונדז ילידי הגלות נישט אַ האר ווייניקער ווי צו אַלע „סאבראס, און נייע העברעישע־

קולטוריסטן״) און אויך מיט די אויסגעבענקטע תפילות אין דער שמונה עשרה: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״ און מיט דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״, — ביי וועלכע אונדזערע אבות די כפול שמנהדיקע גלות־ יידן האָבן זיך דאָס דריימאָל אין טאָג אויסגעוויינט זייערע אויגן אין אַלע ביטערסטע צייטן . . .

און טאַקע אויך מיט די לידער דערציילונגען, און ראָמאַנען: פון אברהם מאפו אין יידישער איבערזעצונג מיט מענדעלע, שלום עליכם, פרץ, אַש, פּינסקי און אַנדערע.

נאָר נישט ווייניקער אויך טאַקע מיט די לידער פון: א. גאָלדפאַדען, ש. פרוג, ראסקין, ראָזענפעלד און ביאַליק האָט מען אַסך פונקן פונאַנדערגעפלאַ־ קערט אין דעם יידישן פאָלקסטימלעכן האַרץ. און דער עיקר מיט דעם עמך׳ס הארפאשנע הענט מיט זיי האָט מען אונדזער נייע מדינה אויפגעבויט.

עס וועט אויך דוכט מיר גאָרנישט זיין קיין גוזמא ווען איך וועל זאָגן: אונדזער יידיש האָט אפשר פונקט אַזוי ווי עברית גופא פאַרהאַלפן די העברעיס־ טן צו דער זיך אַצינד אין ישראל אנטוויקלנדיקער „העברעישער אַסימילאַ־ ציע״ . . .

פאלטש איז אויך די דעפיניציע וועלכע עס מאַכן איבער דער „יידישער קולטור״, אונדזערע „יידיש־וועלטלעכע קולטוריסטן״, — מיינענדיק אַז זי באַזירט נאָר אויף די עלעמענטן: פון יידיש־לשון, שול, צייטונגען, לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, טעאַטער; אָן יידישער צערעמאָניע, טראַדיציע און הויפּטזעלכעך אָן דעם נביאיש אוניווערסאַלן גלויבן אָן דעם גוטן; און אָן דעם מענטשן נישט אַזוי ווי ער איז איצט, נאָר ווי ער מוז ערשט ווערן: פריי פון יעדן הערשער און אונטערדריקער, באַהערשט נאָר פון דער ליכטיקער גאָט־ אידייע פון גוטן און פרייקייט, שלום, אמת און יושר! אָן די דאָזיקע גרונט־ עלעמענטן איז נישטאָ קיין יידישע קולטור, איז עס נאָר אַ הויז אַ דאַך, וואָס איז אויסגעזעצט פאַר יעדן בייזן וועטער . . .

און וואָס שייך „העברעיש און יידיש״.

קענען מיר גוט משיג זיין די משכילישע ליבע צו העברעיש, — זי איז דער אמת׳ער אויסדרוק פון דער פאָלקסווייטער און קאַלטער השכלישע קול־ טור . . .

אַמאָל האָבן די יידישע סאָציאַליסטן — ווי היינט די פּראָגרעסיווע הע־ ברעיסטן געמאַכט דעם זעלביקן טעות, מיינענדיק אַז אַ שפּראַך איז געגליכן צו אַ „מיל גרוים״ . . . אָבער אַ שפּראַך איז נישט קיין מיל־גרוים — פון וועלכער מ׳קען די יאדרע אַרויסנעמען, און די שאָל אַוועקוואַרפן. אַ שפּראַך איז די נשמה, די צונג, און דער גורל פון אַ פאָלק, וואָס איז טיף אין זיין לעבן איינגעוואָרצלט, — און וואָרצלט מען זי אויס ווערט אטראָפירט דעם פאָלקס ווייטעדיקער אַנטוויקלונג; אָדער עס ווערט עפּעס אַ נייס (גאַנץ פרעמד צו זיין פריערדיקן לעבן) באַשאַפן . . .

*) און ווי זאָגט דאָס זכריה — „לא בחייל ולא בכח כי אים ברוח״! . . .



און מיר, קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן און דערפילן די תורה, די נביי־ אים, די גמרא, די ליטורגיע און בכלל אונדזער גאַנצן ווערן, זיין און פאַרגיין אָן אונדזער יידיש.

אין יידיש האָבן צו אונדז גערעדט די גרעסטע שאַפונגען פון גלות: דער חסידיזם מיט זיינע וואונדערבאַרע מעשיות און מיט זיינע ליכטיקע איבער אַלע צייטן דערהויבענע חסידישע רביים.

אין יידיש האָט צו אונדז גערעדט — דער יידישער סאָציאַליזם, מיט אַלע זיינע גיגאַנטישע פּארטייען: ווי דער בונד, די פּועלי ציון, ס.ס. דער קאָמוניזם, דער יידישער אַנאַרכיזם (וואָס איז נאָך דעם חסידיזם אפשר די עטישסטע באַוועגונג ביי יידן) און דער ציוניזם.

מיר זענען נישט געווען און נישט קיינמאָל פאַרבליבן קיין סימפּאַטיקער פון דער השכלה. ווייל צו וואָס די דאָזיקע האָט געפירט, וועט דאָ איבעריק זיין צו רעדן.

מיר ווייסן גאַנץ גענוי וואָס פון משה מענדעלסאָנס אייניקלעך איז געוואָרן, מיר ווייסן אויך גאַנץ גוט וואָס פון די אַלע אַנדערע אייניקלעך איז געוואָרן; אַסימילאַציע, שמד און יידן־שנאה פון געמיינסטן נידריקסטן און געפערליכס־ טן אופן . . .

אונדזערע טאַטעס זענען געווען גרויסע ערלעכע חסידים, אָבער נישט פון אויבן אויף, נאָר בלב ונפש, בכל עצמותי תאמרנה! און זיי האָבן צו אונדז נאָר גערעדט יידיש, זייער תורה, די עשרת הדברות, די גמרא, תהילים משניות, די פרקי אבות אַלעס איז געווען איינגעהילט און געאָטעמט נאָר מיט יידיש.

אין יידיש האָבן אויך צו אונדז גערעדט: די שלשה אבות מיט די אמהות, ביז צו אונדזערע טייערע באָבעס און מאַמעס מיט זייער „טייטש־חומש״ ביי־ נאַנד מיט זייער אָפּגעהיטענעם כשר ריינעם און ערלעכן יידישן לעבן!

אין יידיש האָבן צו אונדז גערעדט: דער חדר, די מלמדים, די בעל־ פּערס, די חברים, אפילו די געסלעך מיט דעם רוב יידן פון דער גאָרער וועלט.

מיט יידיש זענען מיר טיף אָרגאַניש פאַרבונדען, און מיר ווילן נישט מותר זיין אויף קיין „קיצו של ייד״! מיר ווילן ממשיך זיין דעם המשך, — און נישט לאָזן אונטערגיין דאָס יידנטום וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט במשך פון הונדערטער דורות: ווי דאָס פּוילישע, ליטווישע, רוסישע און גאַליציש יידנטום.

מיט דעם גאַנצן שטייגער לעבן, — פאָלקלאָר, אגדות, מעשות, וויצן לי־ דער, צערעמאָניעס, טראַדיציעס און גלויבונגען.

ס׳איז קלאָר, אַז העברעיש טאָר נישט ווערן אויפגעבויט אויפן חורבן פון יידיש! . . . מיר טאָרן נישט פאַרגעסן די שפּראַך אין וועלכער אונדזער ביסל ארים בלוט איז תמיד פארגאסן געוואָרן, — און אין וועלכער מיר האָבן קיינ־ מאָל נישט קיין שום אנדערנס בלוט פארגאסן! מיר טאָרן אויך נישט פאַרגעסן אָן אונדזער נאָנטער פארגאנגנהייט, מחמת אָן איר זענען מיר שוין טויט ביים לעבן, מכל שכן נאָך שפּעטער . . . און ווי נאָנט און טייער אונדזערע העברעי־

שע אבות און אמהות זאָלן אונדז נישט זיין; זענען אונדז אונדזערע באָבע זיידע און טאַטע מאַמע פּארט נאָך אַסך נאָענטער און טייערער! ווייל אַסך לייגן נאָך די זעלביקע תפלין, לערנען נאָך אויס זייערע גמרות, זאָגן נאָך תהילים אויס זייערע מיט טרערן פאַרגאָלטע תהילימלעך און זענען נאָך מעיין אין זייערע זוהרלעך . . .

אין אונדזערע אויערן האָט נאָך אויך נישט אויפגעהערט צו קלינגען: דאָס ציטריק הייליקע מאַמישע קול פון די אויסגעוויינטע געלע טייטש־חומש בלעטלעך און פון „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב“! . . .

יאָ, די האַרציק־טרויעריקע לידלעך וואָס אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז ביי דער וויג געזונגען וועלן אונדז מיט די רעוואָלוציאָנערע לידער פאַרייניגט — שוין בי צום קבר באַגלייטן.

און ווי קענען און מעגן מיר מותר זיין אויף דער דאָזיקער יידישער פאָלקס־קולטור? — דאָס וואָלט געמיינט ווי שוין פריער געזאָגט: „פאַראַטן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, אונדזער לעבן און אייגענעם איך“ . . . און צי איז באמת אונדזער „איך“, וואָס האָט זיך במשך פון די טויזנטער יאָר גלות אויסגעלייטערט: „בדם ואש“, און אָנגענומען די ריינסטע עטיש־מאָראַלישע פאָרמען; צוזענדיק און דורכלעבנדיק אלדאס בייז און רשעות פון גוים אפשר נישט אַזוי גרויס, אַזוי אינערלעך שטאַרק און קעמפעריש — ווי דער איך פון אונדזערע אַלטע העברעייער? . . . וואָס אונדזער משה האָט נישט איינמאָל געמוזט פאַר זיי זיין אַ מליץ יושר צום ערשט אין דער מדבר ווען זיי האָבן צוריקגעוואָלט צו די „מיצרישע פלייש־טעפּ“, דערנאָך מיטן „עגל הזהב“ און די „קרבנות“, — פאַר וועלכען ס'איז די נביאים מאוס און מאוס געוואָרן, און צום סוף נאָך פאַר די יידישע מלכים — וואָס נישט ווייניק פון זיי האָבן אַדאַנק זייער זעלבסזוכט, אינטריגע, קאָרופּציע, זנות און מארד, געלאָזט פוילן אונדזערע נביאים אין די תפיסות, און דורך זייערע ווידעראנאנדען און די ווידעראנאנדערן פון יהודה און ישראל, פאַרהאַלפן אויך צום דעם אינטערגאַנג פון דער יידישער מדינה.

עס איז אויך אויף אַ האָר נישט אומהייליקער און קלענער געווען די אַרבעט — פון אונדזערע אומגעקומענע שוסטער, שניידער, בעקער, גלעזער, טישלער, טעפּער און וועבער — ווי דאָס באַארבעטן דעם באָדן: פון אונדזערע אמאַליקע און היינטיקע פייערים אינעם אייגענעם לאנד! . . .

און צו וויסן זיי דען נישט אויך די אַלע פאַרניינער און ליקווידאַטאָרן פון גלות: אַז די העלפט פון ירמיהוס כתבים, דער תלמוד בבלי מיט די אַלע גיגאַנטישע שאַפונגען פונעם שפּאַנישן פעריאָד ביז צום סוף פון אונדזער יאָר־הונדערט, — זענען אויך גאָר קיין מפּול־קינד נישט, און האָבן זיך לחלוטין אויך מיט גאָרנישט וואָס צו שעמען.

מען דאַרף נישט מאַכן קיין טעות און גלויבן אַז „תורה נביאים וכתובים“ זענען אין ניי־העברעיש געשאַפן געוואָרן. די ניי־העברעיש ליטעראַטור האָט נאָך אפילו אַזאַ ווערק ווי שלום אַש'ס שטעטל נישט אַרויסגעבראַכט, שוין



אָפּגערעדט פון די ווערק פון פּרץ, בערגלסאָן, אפּאַטאָשו דער ניסתר און אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון יינגערע דיכטער און דראַמאַטורגן.

עס איז דערפאַר קיין שום סיבה נישטאָ אָפּצוזאָגן זיך פון אונדזער „איך“, זיך צו לאָזן אַרויסרייסן די יידישע נשמה און אַריינצוזעצן אַ ניי־העברעישע זיי, — די שוואַרצע נביאים האַלטן שוין איבער 50 יאָר אין איין פריידיקן: אַז יידיש האַלט אין גוססן און שטאַרבט. אָבער דאָס איז שקר, — נישט יידיש האָט געגוסט, נישט יידיש איז נאָך געשטאָרבן; יידיש האָבן די דייטשע פינצטערע מערדער, נאָר צום טייל דערהרגעט! אָבער חלילה נאָך נישט אינגאַנצן! יידיש לעבט נאָך און עס וועט ווייטער לעבן! און די אַלע „יידיש־פאַרניינער“ איבערלעבן . . .

און דערפאַר איז עס אַ הייליקער חוב פון אַלע יידישע שרייבער, אינטעלעקטואַלן, פאָלקספירער און פון די יידישע מאַסן, אויפצוהייבן זייער קול און קעמפן אַ קייגן די אייביקע שונאים פון יידיש, — וועלכע זענען דערפאַר אויך שונאים פון דער יידישער נשמה. און ווער עס טוט עס נישט איז אַ בוגד אַ רענעגאַט! . . .

און דער דאָזיקער בוגד איז אַ קייגן זיך, אַ קייגן זיין פאָלק און זיין נאָענטער־פאַרגאַנגענהייט! מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבען און לאָזן דערנידריקן פון די אייביקע דערנידריקער און שונאים פון יידיש צוליב קאַריעריסטישע צוועקן, אָדער אויף זיך צו קויפן עולם הבא — צו ווערן איבערגעזעצט אין יידיש.

## קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון“

דינסטאָג, דעם 19־טן דעצעמבער, האָט „פ.פ.י.ל.“ איינגעאָרדנט איינע פון זיינע רעגלמעסיקע קאָנצערטן אין די איסט־ענד. ווי תמיד האָט זיך דער באַליבטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג באַטייליגט, דאָס מאָל מיט אַ נאָך גרעסערן דערפאָלג ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַלטע און נייע פאָלקסלידער.

עס האָט זיך אויך באַטייליקט אַ באַקאַנטער זינגער פון זיד־אַפריקע, איַסאַק באַדער, וועלכער וויילט איצט אין לאָנדאָן. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים גרויסן עולם מיט זיין פרעכטיק טענאָר שטימע. ביידע קינסטלער זענען באַגלייט געוואָרן פון סילוויא קאָהען. עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אָוונט מיט רעציטאַציעס דער באַקאַנטער דיכטער יוסף הלל לעווי און נעט רובין. דער פאָרזיצער פון „פ.פ.י.ל.“ א. נ. שטענצל, האָט דעם אָוונט קאָנפערירט און גערעדט איבער די קולטור לאַגע פון דער יידישער גאַס אין לאָנדאָן. דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערפאָלג האָט באַוויזן ווי שטאַרק נויטיק אַזעלכע אָוונטן זענען אויף דער יידישער גאַס.

א. ל.

## דר. יעקב י. מייטליס

# פון מיין ביכער־טיש

### א. וועגן ביכער און אַרויסגעבער

עס איז שוין דוכט זיך פאַר קיינעמען קיין סוד נישט, אַז יידיש־יצירה לעבט איבער היינט־צוטאָג אַ שווערן קריזיס און שטייט בסימן ירידה. אַ סך פון די סיבות קענען מיר און זענען עפ״י רוב באַגרינדעט אין דעם מוראדיקן אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. דער אמת איז, אַז דער יידישער שרייבער האָט פאַרלוירן זיין בעסטן און וואָגיקסטן לייענער־עולם, נישט נאָר אין כמות נאָר טאַקע אין איכות. מיטן חורבן אייראָפּע איז כמעט אין גאַנצן אַוועק דער ערנסטער, גוטער און געטרייער יידיש־לייענער, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער ליטעראַטור, וואָס האָט געלעבט מיטן בוך און געווען טיף־אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן דיכטער און זיין שאַפונג. דאָס מיינט טאַקע אַ גרויסן קולטור־פאַרלוסט פאַר דער ליטעראַטור. היינט איז דאָס בוך און מיט אים דער שרייבער ממש פאַריתומט געוואָרן, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיין גורל, ווער עס זאָל זיך מיט אים אינטערעסירן. דערפאַר טאַקע איז די בוך־פובליקאַציע נישט אָרגאַניזירט, עס פעלט אַ פלאַן, אַ דעת הקהל, וואָס זאָל ווי געהעריק רעאַגירן, אָפּשאַצן, — אַלץ איז געוואָרן צופעליקייט. אַפילו ווען עס דערשיינט יאָ אַ גוט בוך האָבן מיר דאָס אין דער אמתן צו פאַרדאַנקען אונדזער ביסל מזל גיכער ווי דעם צורך השעה, דעם פאַקטישן צושטאַנד.

די יידישע גאַס איז באַהערשט פון אַ געוואַלטיקער אַפּהעטיקייט, עס פעלט ציל־באַוווסטקייט און פּלאַנונג. אַלץ איז אָפּגעלאָזן און מען האָט אַ געפיל, ווי מען פאַרתכלעוועט דאָס לעצטע ביסל גייסטיקע ירושה און עס גייט קיינעמען נישט אָן. איז דאָס אַרויסגעבן פון אַ יידיש ליטעראַריש בוך, היינט שוין צו שווייגן פון אַ וויסנשאַפטלעכן בוך פאַרבונדן ממש מיט חבוט־הקבר יסורים. דער שרייבער מוז זוכן כל המיני פאַרטלען, אָנקלאַפּן אין צאָללאָזע טויערן און טירן, ביז ער ווערט דערהערט, ביז ער געפינט אַ בעלן, וואָס זאָל וועלן אים העלפן אַרויסגעבן זיין בוך. און וויפיל שרייבער קענען דאָס נישט טאָן, ווילן פון דער אָדער יענער „פּראָטעקציע" נישט וויסן, בלייבן זיי זיצן מיט זייערע כתב־ידן, „פאַרלייגט" ביי זיך אין בוזים־קעשענע אָדער אין שופלאָד.

פעלט ביי אונדז טאַקע אַלץ. עס פעלט דער גוטער לייענער מיט אַ קולטיווירטן געשמאַק, עס פעלט דער קולטור־ייד, וואָס דער גורל פון דעם יידישן בוך איז אים נאָענט, וואָס איז גרייט עפּעס מקריב צו זיין פאַרן בוך, אָט יענער ייד, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן בוך אַלס אַ קולטור־דערשיינונג און נישט קוקן אויף דעם ווי אַן ענין פון „ביזנעס". זינט ווען האָבן דאָס יידן געקוקט אויפן ספר, וואָס איז פאַר זיי תמיד געווען אַ טרייער באַגלייטער, פון שטאַנדפּונקט פון הוילער נוצלעכקייט, צי עס לוינט זיך יאָ צי ניין? דאָס ספר איז ביי אונדז יידן אַמאָל געווען גאָר אַ רעאַלע זאַך, נישט נאָר אַ דבר שבקדושה, נאָר טאַקע אַ טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש. האָט מען געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל זיין. היינט, מיט דער גאַנצער ניי־מאָדישקייט פון אונדזער אויסקוק, וואָס האָט



אַריינגעטראָגן אַזוי פיל וואָכעדיקייט אין דער יידישער גאַס, האָבן מיר אין דעם אַלעם פאַרגעסן. אַ בוך, פרעגט מען זיך היינט, פאַר וועם דאַרף מען עס האָבן, ווער וועט עס לייענען? און אויב נישט, צו וואָס טויג דאָס, צו וואָס טאַקע קאַליע מאַכן געלד!

פונדעסטוועגן איז די לאַגע נישט אומעטום אַזוי גרוי און האָפענונגסלאָז. דרינגט פון צייט צו צייט אַריין אַ שטראַל פון ליכט דורך דער דיקער כמאַרע, וואָס פאַרדעקט אונדזער האָריזאָנט. ווערט צוביסלעך ליכטיקער און די מרה־שחורה פאַרטריבן. מאַכט זיך, אַז מען באַקומט אַמאָל אַ גערוס פון דער פרעמד, עפ״י רוב בהיסח הדעת, וואָס דערפרייט דאָס האַרץ און ברענגט אַריין אַ יו״ט־שטימונג צו דיר אין שטוב. אָט אַזאַ וואַרימען, היימישן געדרוס האָט מיר נישט לאַנג צוריק געבראַכט אַ פעקל ביכער, וואָס איז אָנגעקומען פון אַרגענטינע, און דער יו״ט איז באמת געווען גרויס. האָבן זיך דאָרט אָפּגעזוכט אַ פאָר איבערגעבענע פוילישע יידן מיט מאַרק טורקאָוו בראש, וואָס האָבן אָן פּרעטענזיעס און פּראָפּאַגאַנדע, דערפאַר אָבער מיט אַ סך טאַקט און עניוות, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ יידישער קולטור־זאַך, אַוועקגעשטעלט אין בוענאָס־איירעס אַ ליטעראַטור־בנין, וואָס איז אימפּאָזאַנט אין זיין בוי און גרויס. זיינען דאָס מענטשן מיט אַ שטאַרקן קולטור־אינטערעס און אַ גרויסער ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז יידיש. זשאַלעוועט מען דערביי נישט קיין כחות און נישט קיין געלד, נאָר מען גייט אָן באַוווסט און מיט אַ פּלאַן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער ליטעראַטור־טעטיקייט. מען פרעגט נישט קיין איבעריקע שאלות, נאָר מען טוט אַרבייט און מ׳גיט אַרויס ביכער. ווערט באמת וואַרים אויפן האַרץ, אַז מען זעט די שטאָלצע ציפער פון עטלעכע זעכציק בענדער יידישע ליטעראַטור אַרויסגעגעבן דווקא יעצט, אין דעם שפל המצב און דאָס אין קוים עטלעכע יאָר. און זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז סתם, וואַללאָז אַרויסגעגעבן. קען מען זיך פאַרלאָזן אויף דעם ליטעראַרישן געשמאַק פון מאַרק טורקאָוו (און טאַקע דער אַלטער כלל, אַז „חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן"). ווייס ער, וואָס ער וויל, האָט ער אַ פּלאַן און אַ פּראָגראַם. זענען די זאַכן אַרויסגעגעבן מיט אַ סך געשמאַק, איבערקלייבעריש. איז דאָס אַ שיינע אויסוואַל און דערצו גוטע ליטעראַטור.

איז טורקאָוו מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער באַזעלט קודם כל פון דעם געדאַנק צו דערהאַלטן דאָס סאַמע ווערטיקע פון דער פויליש־יידישער יצירה. ער האָט זיך, זעט זיך אויס, געשטעלט די אויפגאַבע צו זאַמלען און אויפהיטן אַלץ, וואָס איז לעבעדיק, פאַרביק און פליסיק אין אונדזער לעבן און דאָס אַלץ פאַרפיקסירן פאַר קומענדיקע דורות. אָבער נישט פאַרפיקסירן ווי אַ היסטאָריקער, ווי אַ זאַמלער פון דאָקומענטן אָדער פון מוזעאַלע חפצים, נאָר מיט אַן אויג און אַן אינטערעס פאַר דעם לעבעדיקן, ברויזיקן און המשכדיקן, — אַזוי, אַז איר פילט נאָך דעם אוממיטלבאַרן, פרישן צאַפּל צו וואָס איר רירט זיך נאָר צו. עס איז אַ שטיק פולסירנדיק היינטיק און נעכטיק לעבן! דער כנוס ווערט אַ שטיק זעלבשטענדיקע יצירה, דאָס איבערדרוקן אַ פּראָצעס פון איבערשאַפונג.

עס איז דאָ אין דער איבער דרייסיק דורות־אַלטער פּוילישער יידישקייט עפּעס צו דערהאַלטן און אויפצוהיטן. האָט פּויליש־יידישע גייסטיקייט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געוואַלטיקע ירושה. קען דאָס און טאָר דאָס בפירוש נישט בלייבן די אויפגאַבע פון איין גרופּע מענטשן, ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין זייער מסירות־נפש, זייער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו דער זאַך. מוזן אויך אַנדערע יישובים אין דער וועלט נאָכטאָן אָט דעם ביישפּיל. וואָלט כדאי געווען, אַז אונדזער ישוב אין ענגלאַנד אפשר צוזאַמען מיט דער שארית הפליטה אין אייראָפּע זאָל אויך עפּעס אָנהויבן טאָן אויף דעם געביט. עס איז אַ גרויס און ברייט פעלד פון טעטיקייט. עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלעמען. דאַרף מען נאָר פּלאַנעווען, אויסטיילן די געביטן, אַריינטראָגן אַ שיטה אין דער פּובליקיר־אַרבעט, כדי צו פאַרמיידן דופּליקאַציעס. וואָלט אפשר כדאי געווען צו שאַפן לאָקאַלע לענדער־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן זיך פאַרשטענדיקן אונטעראַנאַנדער און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, צוגרייטן די מאַטעריאַלן און אָנהויבן מיט אַן אינטענסיווער אַרויסגאַבע פון אָט יענע לעבעדיקע, פאַרביקע אוצרות, וואָס קענען זיין דער שטאָלץ פון פּוילישן יידנטום, אומעטום ווו עס לעבן נאָך זיינע רעשטלעך. וכל המרבים יישר כוחם!

אגב וואָלט מען זיך אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער געדאַרפט ערנסט פאַרטראַכטן וועלכע ליטעראַרישע שאַפונגען אין יידיש עס וואָלט כדאי געווען צו איבערזעצן אין ענגליש, כדי מיט זיי באַקאַנט צו מאַכן נישט נאָר די ענגלישע עפנטלעכקייט, נאָר קודם כל די ענגליש־ריידנדיקע יידן. זיינען דאָך פאַראַן פּערל אין דער יידישער נאָוועליסטיק, וואָס בעטן זיך ממש צו ווערן איבערזעצט. דאָס זעלביקע איז אויך נוגע די פּאָעזיע און עסייאיסטיק אין יידיש, מיט זייער רייכער טעמאַטיק און פאַרביקייט, וואָס דאַרף זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם יידישן קולטור־מענטש, וואָס האָט זיך דערצויגן אין דער פרעמד. קען דאָס אָבער נישט זיין די אויפגאַבע פון אַ יחיד. דערצו מוז זיך נעמען אַ גאַנצער צבור. מיר זיינען שולדיק דער וועלט פון נעכטן אַ גרויסן, שווערן חוב. מיר טאָרן בפירוש נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל אונטערגיין. מיר מוזן דערפאַר זאַמלען אַלע אַקטיווע כוחות אין דער יידישער געזעלשאַפט, זיי צוגרייטן פאַר דער דאָזיקער וואָגיקער און גרויסער אויפגאַבע. די וועלט פון נעכטן טאָר נישט ווערן איבערגעריסן. זי מוז ווייטער לעבן אין אונדזערע הערצער און מוחות. פון איר וועלן מוזן ציען אַ יניקה די קומענדיקע דורות פון יידישן פאָלק.

וועט מיר נאָך אויסקומען זיך אָפּצושטעלן באריכות אויף אַ ריי ביכער, וואָס זענען לעצטנס אַרויס אין אַרגענטינע דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן. דערווייל וויל איך רעפערירן וועגן צוויי ביכער, וואָס קערן זיך אָן אין אַן אַנדערער ראָם פון יידישע פּובליקאַציעס און פאַרנעמען זיך לגמרי מיט פאַרשונג. עס זיינען צוויי וואָגיקע ביכער, וואָס זיינען אַרויס נישט לאַנג פון דרוק און וואָס האָבן שטאַרק באַרייכערט אונדזער וויסן וועגן אליה בחורן, דעם האַלב־פאַרגעסענעם פּאָעט און פאָלקס־זינגער אין יידיש.

* * *



## ב. אליה בחור פאַרשונג

צו דער 400־סטער יאָרצייט, וואָס איז אויסגעפאַלן מיט אַ יאָר צוריק, נאָך דעם גרויסן שפּילמאַן אליה בחור (אין זיינע יידישע ווערק האָט ער זיך גערופן אליה־עליע) האָט דער באַקאַנטער פילאָלאָג און יידיש־פאָרשער יודא א. יאַפע אַרויסגעגעבן דעם טעקסט פון זיין באַקאַנטן בבא־בוך, אין דעם איבער פיר הונדערט יאָר אַלטן שפּראַך־לבוש, מיט זיין גאַנצער פשטות און אייגנטימלעכקייט. עס איז אַ גרונטיקע וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציע מיט אַ פּינקטלעכער רעפּראָדוקציע פון דעם עלטסטן טעקסט*, וואָס איז אַרויס צום ערשטן מאָל אין איזנה (דייטשלאַנד) אין 1541, מיט אַן אויסגעצייכנטער, הגם זייער צמצומדיקער הקדמה אין ענגליש און אין יידיש. דאָרט שטעלט זיך יאַפע אָפּ אויף דער פּילזייטיקער פּערזענלעכקייט פון בחורן, זיין צייט און וועלט־באַנעם, זיין שפּראַך און בילדלעכקייט פון זיין שילדערונג, וואָס טראָגט אויף זיך דעם בולטן חותם פון יענער אינטערעסאַנטער, צאַפּעלדיקער און פאַרשייטער רענעסאַנס־תקופה. באַזונדערס לויבט יאַפע דעם גרויסן קינסטלערישן אויפטו פון אליה בחורן, וואָס האָט צום ערשטן מאָל איינגעפירט אין דער יידישער דיכטונג די איטאַליענישע סטראָפע, די אָטאַווא־רימא (ריים אין אַכט־געזעץ), מיט וואָס ער האָט זיך באַדינט אין גרויסער פּערפעקציע און ווירטואָזיטעט. ווי ווייט עס איז געווען מעגלעך האָט יאַפע אָפּגערייניקט דעם טעקסט פון דרוק־פעלערן און גרייזן און צוגעגעבן אַ ריי ווערטיקע הערות.

שטייט דערווייל נאָך די פאָרשונג פון יידיש־לשון און ליטעראַטור אין גאָר באַשיידענע אָנהייבן. פעלן דערווייל אַ סך גרונטיקע שפּראַך־פאָרשערישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע ווערק פאַר דער אַלטער און עלטסטער תקופה פון דער יידיש־יצירה. זיינען טעקסט־אויסגאַבעס פון די קלאַסישע ווערק פון דער יידישער שפּילמאַנישער דיכטונג כמעט נישט בנמצא. איז דערפאַר טאַקע יאַפעס אויפטו גאָר אַ גרויסער און ער פאַרדינט אַ סך דערמונטערונג און אַנערקענונג. האָפן מיר, אַז ער וועט אונדז בקרוב מזכה זיין מיט אַ ווייטערדיקער וויסנשאַפטלעכער פּובליקאַציע פון אליה בחורס צווייטן גרויסן ראָמאַן אין פערזן „פּאַריז און וויענה". לאָמיר אויך האָפן, אַז ווער עס איז פון די יונגערע פאָרשער וועט נאָכטאָן יאַפעס ביישפּיל און זיך נעמען צוצוגרייטן אַ גוטע טעקסט־אויסגאַבע פון איינע פון די ווערק פון דער שפּילמאַנישער תקופה. אַ סך מאַטעריאַל ליגט נאָך פאַרשטויבט אויף די פּאָליצעס אין די פאַרשיידענע מוזעאומס און די יידיש־וויסנשאַפט נויטיקט זיך אין דעם זייער.

*אליה בחור, פּאָעטישע שאַפונגען אין יידיש. ערשטער באַנד רעפּראָדוקציע פון דער ערשטער אויסגאַבע „בבא דאנטונא", איזנה 1541, מיט אַ קורצן אַריינפיר פון יודא א. יאַפע, 1949.

* * *

אַ קאָמפּעטענטע און גוטע אַרבעט וועגן „אליה בחור און זיין בבא־בוך" האָט נ. ב. מינקאָוו נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט. צוזאַמען מיט אַ געקירצטן אינהאַלט פון ראָמאַן אין די אָריגינאַל־פערזן, גיט מינקאָוו אין עטלעכע כוללדיקע

קאַפּיטלעך אַ גרונטיקן אַנאַליז פון אליה בחורס דיכטונג, פון זיינע פּאָעטישע אויפטועון און דערגרייכונגען. ער רימט דעם רייכן שפּראַך־אוצר און געזונטן הומאָר ביי בחורן, זיין קינסטלערישן צמצום און דראַמאַטישקייט. ער ווייזט אַרויס אַ סך פאַרשטענדניש פאַר דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון אָט דעם באָהעם־דיכטער פון דער רענעסאַנס, פאַר זיין חוזק און ערנסטקייט, פאַר זיין שטיפערישקייט און וועקסלדיקן פּאַטאָס, בקיצור פאַר דער גאַנצער שטייגערישקייט און וועלט־באַנעם, וואָס קומט צום אויסדרוק אין בחורס איבערגעדיכטעטן ראָמאַן. מינקאָוו איז אַ בקי אין זיין ווערק, האָט גענוי שטודירט זיין טעכניק פון פערז־בוי און גראַם, זיין פורעם און אַרכאַיש לשון און האָט אַן אויג פון אַ מבין פאַר דער קינסטלערישקייט און פּאָעטישער סענסיטיווקייט פון אליהן.

האָט אָבער מינקאָווס אַרבעט איין, אפשר טאַקע אַ באַטייטיקן, חסרון (אויף וואָס איך האָב מיך שוין באַריכותדיקער אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער אָרט): ער איז אַזוי הייס איינגעליבט אין אליהן, אַז ער פאַרגעסט זיך אין גאַנצן און מאַכט פון אים כמעט אַ „העלד“. די גאַנצע נאַטירלעכע וואַרימקייט און טיפע פאַרשטענדעניש, וואָס ער האָט פאַר אליהן (און אָן וועלכער עס איז אונמעגלעך אָפּצושאַצן אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט), גייט ביי אים אָפט אַריבער אין אַזאַ התפעלות, וואָס שטערט, וואָס פאַרטראָגט זיך אין דער אמתן נישט מיט אַ קריטישן אַנאַליז. קען דאָס אַמאָל פירן צו איבערגעאײַלטע מסקנות, וואָס זיינען נישט אין אינטערעס פון אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון דער פּערזאָן פון דיכטער און זיין ווערק און וואָס, כ׳בין זיכער, מינקאָוו אַליין איז גאָרנישט אויסן געווען.

מינקאָוו איז אַ טעמפּעראַמענטפולער שרייבער מיט אַ סך קולטור און מיט אַן עלעגאַנטן סטיל ביז גאָר. זיין טעמע באַהאַנדלט ער מיט אַ סך פאַרשטענדניש און קענטעניש. אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט נישט לכבוד דעם זעלטענעם יובל פון אליה בחורן באַהאַנדלט די איבעריקע שאַפונגען פונם דיכטער אין זיין וואָגיקער אַרבעט. אין אַזאַ אַרבעט נויטיקן מיר זיך זייער. ווילט זיך האָפן, אַז זי וועט נישט לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן.

לאָנדאָן, נאָוועמבער 1950.

---

דוד אפּאַלאָוו

## ווי דער ווינטל־בלאָז

מיך לאָקט דער שפּילעוודיקער פערזנמאָס,
מיין ליד, איז ווי דער צאַרטער ווינטל־בלאָז.
איך זינג. ס׳גייט אויף אַ וואָלקנדל פון פרייד
פון זעץ, וואָס זילבערט ווי אַ זאַפּטיקע פּלייט.

און גרינער ווערט אויף האַרטער ערד דער גאַנג,
ווען אין איר גאָלדענער קרוין לויכט קעניגין־געזאַנג
און טיילט אויס רויזן פון איר פּראַכט בוקעט
צום איידעלן מינע־זינגער, דעם פּאָעט.



אליהו פאַלושאַק

## בערנאַרד שאָו און זיין דראַמע „די הייליקע יאָהאַנאַ“

(פון אַ רעדע געהאַלטן אויז „די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“)

. . . וועגן שאָו קען מען רעדן אַ סך, ווייניק און גאָרנישט.

צו רעדן אַ סך מוז מען צוגיין היסטאָריש, אַקאַדעמיש און וויסנשאַפטלעך, און דערצו ברויך מען אַ סך צייט צום שטודירן, צוגרייטונג און אויספירונג.

גאָרנישט צו רעדן וואָלט געהייסן פאַרשווייגן אַ גרויסן געניוס פון אונזער צייט וואָס האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אונזער דענקן און צוגאַנג צו גייסטיקע און וועלטלעכע געשייעניש פון אונזער עפּאָכע.

אַפילו צו רעדן ווייניק מוז מען האָבן אַ באַציאונג, אַן אָביעקטיווע צי סוביעקטיווע באַציאונג צו דעם מענטש, קינסטלער און דענקער, צו זיין אָריגינאַליטעט און עקסטראַוואַגאַנצן. געמאַכטע אָביעקטיוויטעט אין דער באַציאונג צו שאָו וועט אונז גאָרנישט העלפן. זי קען אַמאָל פירן צו טאָטאַלער פאַרלייקענונג פון זיין געניוס, און צו אַ פּראָביר צו שטעלן זיין שאַפן אויף דער מדרגה פון בעסערער רעפּאָרטאַזש, צייטלעך באַדינגטער זשורנאַליסטיק און סאַרקאַסטישן ציניזם, מיט כלומרשטדיקער „אָביעקטיוויטעט“ (וואָס איז גאָרנישט אַזוי אָביעקטיוו) קען מען זיין גאַנץ שאַפן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גייסטרייכער קאָנווערסאַנט, אַ געשיקטער געדאַנקן־אַקראָבאַט; ער האָט גוט געקענט די מלאכה פון אָפּשפּעטן, פון שאַפן וואָרט־קאָמבינירטע סתירות און קעגן־סתירות, ער איז געווען אַ מין מאָדערנער לץ, אַ זשאָגלער מיט ווערטער און געדאַנקען, און נאָך זיין טויט וועט אַלץ פאַרשווינדן, וואָס ער האָט געשאַפן אין אַ לאַנגען רייכן אַרבעטס־לעבן.

דער אמת ליגט אפשר צווישןביידע פאַלן פון אָביעקטיוויטעט און סוביעקטיוויטעט, און דאָס ערלעכסטע איז: צוגעבן, אַז בערנאַרד שאָו האָט אונדז זייער אַ סך געגעבן, האָט אונדז געלערנט אַ נייעם צוגאַנג צו וועלט־געשייעניש און גייסטיקע שאַפונגען, צו ליטעראַטור און קריטיק, און צו דער דראַמאַטישער און קאָסמישער באַאורטיילונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָדער ווי איינער פון זיינע צאָלרייכער באַאורטיילער און קריטיקער האָט געשריבן נאָך זיין טויט: קיינער האָט אין זיין צייט נישט געלערנט זיינע מיטמענטשן אַזויפיל זעלבשטענדיק דענקן, ווי בערנאַרד שאָו.

אפשר נאָך פיל מער. ער האָט געשטירצט, אַראָפּגעשליידערט פון זייערע טראָנען פאַלשע געטער, אָדער ווי אַן אַנדערער קריטיקער האָט געזאָגט: ער איז געווען אַן „איקאָנאָקלאַסט“, אַ בילדער־שטירמער. אמת, נישט דער איינציקער. פאַר אים שוין האָט הענרי איבסן, דער נאַטוראַליסטישער דראַמאַטיקער, אויפגעדעקט די שוואַכקייטן פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט און פאַמיליע, און האָט אַלס שכר געמוזט לעבן אַ פאַרוואָגעלטער, אַלס פּליט אין פרעמדע לענדער, ווו ער האָט דערלעבט אַנערקענונג און גרויסקייט. פאַר זיי ביידע איז עס געווען היינע, דער ראָמאַנטיקער, דער דיכטערישער אָפּשפּעטער

קאַפּיטלעך אַ גרונטיקן אנאַליז פון אליה בחורס דיכטונג, פון זיינע פּאָעטישע אויפטועןאון דערגרייכונגען. ער רימט דעם רייכן שפּראַך־אוצר און געזונטן הומאָר ביי בחורן, זיין קינסטלערישן צמצום און דראַמאַטישקייט. ער ווייזט אַרויס אַ סך פאַרשטענדניש פאַר דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון אָט דעם באָהעם־דיכטער פון דער רענעסאַנס, פאַר זיין חוזק און ערנסטקייט, פאַר זיין שטיפערישקייט און וועקסלדיקן פּאַטאָס, בקיצור פאַר דער גאַנצער שטייגערישקייט און וועלט־באַנעם, וואָס קומט צום אויסדרוק אין בחורס איבערגעדיכטעטן ראָמאַן. מינקאָוו איז אַ בקי אין זיין ווערק, האָט געגנוי שטודירט זיין טעכניק פון פערז־בוי און גראַם, זיין פורעם און אַרכאַיִש לשון און האָט אַן אויג פון אַ מבין פאַר דער קינסטלערישקייט און פּאָעטישער סענסיטיווקייט פון אליהן.

האָט אָבער מינקאָווס אַרבעט איין, אפשר טאַקע אַ באַטייטיקן, חסרון (אויף וואָס איך האָב מיך שוין באַריכותדיקער אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער אָרט); ער איז אַזוי הייס איינגעליבט אין אליהן, אַז ער פאַרגעסט זיך אין גאַנצן און מאַכט פון אים כמעט אַ „העלד". די גאַנצע נאַטירלעכע וואַרימקייט און טיפע פאַרשטענדניש, וואָס ער האָט פאַר אליהן (און אָן וועלכער עס איז אוממעגלעך אָפּצושאַצן אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט), גייט ביי אים אָפּט אַריבער אין אַזאַ התפעלות, וואָס שטערט, וואָס פאַרטראָגט זיך אין דער אמתן נישט מיט אַ קריטישן אנאַליז. קען דאָס אַמאָל פירן צו איבערגעאיילטע מסקנות, וואָס זיינען נישט אין אינטערעס פון אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון דער פּערזאָן פון דיכטער און זיין ווערק און וואָס, כ׳בין זיכער, מינקאָוו אַליין איז גאָרנישט אויסן געווען.

מינקאָוו איז אַ טעמפּעראַמענטפולער שרייבער מיט אַ סך קולטור און מיט אַן עלעגאַנטן סטיל ביז גאָר. זיין טעמע באַהאַנדלט ער מיט אַ סך פאַרשטענדניש און קענטעניש. אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט נישט לכבוד דעם זעלטענעם יובל פון אליה בחורן באַהאַנדלט די איבעריקע שאַפונגען פונם דיכטער אין זיין וואָגיקער אַרבעט. אין אַזאַ אַרבעט נויטיקן מיר זיך זייער. ווילט זיך האָפן, אַז זי וועט נישט לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן.

לאָנדאָן, נאָוועמבער 1950.

---

דוד אפּאַלאָוו

## ווי דער ווינטל־בלאָז

מיך לאָקט דער שפּילעוודיקער פּערזנמאָס,
מיין ליד, איז ווי דער צאַרטער ווינטל־בלאָז.
איך זינג. ס׳גייט אויף אַ וואָלקנדל פון פרייד
פון זעץ, וואָס זילבערט ווי אַ זאַפּטיקע פּלייט.

און גרינער ווערט אויף האַרטער ערד דער גאַנג,
ווען אין איר גאָלדענער קרוין לויכט קעניגין־געזאַנג
און טיילט אויס רויזן פון איר פּראַכט בוקעט
צום איידעלן מינע־זינגער, דעם פּאָעט.



אליהו פאַלושאַק

# בערנאַרד שאָו און זיין דראַמע „די הייליקע יאָהאַנאַ"

(פון אַ רעדע געהאַלטן אויף „די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס")

. . . וועגן שאָו קען מען רעדן אַ סך, ווייניק און גאָרנישט.

צו רעדן אַ סך מוז מען צוגיין היסטאָריש, אַקאַדעמיש און וויסנשאַפטלעך, און דערצו ברויך מען אַ סך צייט צום שטודירן, צוגרייטונג און אויספירונג.

גאָרנישט צו רעדן וואָלט געהייסן פאַרשווייגן אַ גרויסן געניוס פון אונזער צייט וואָס האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אונזער דענקן און צוגאַנג צו גייסטיקע און וועלטלעכע געשייענישן פון אונזער עפּאָכע.

אַפילו צו רעדן ווייניק מוז מען האָבן אַ באַציאונג, אַן אָביעקטיווע צי סוביעקטיווע באַציאונג צו דעם מענטש, קינסטלער און דענקער, צו זיין אָריגינאַליטעט און עקסטראַוואַגאַנצן. געמאַכטע אָביעקטיוויטעט אין דער באַציאונג צו שאָו וועט אונז גאָרנישט העלפן. זי קען אַמאָל פירן צו טאָטאַלער פאַרלייקענונג פון זיין געניוס, און צו אַ פּראָביר צו שטעלן זיין שאַפן אויף דער מדרגה פון בעסערער רעפּאָרטאַזש, צייטלעך באַדינגטער זשורנאַליסטיק און סאַרקאַסטישן ציניזם, מיט כלומרשטדיקער „אָביעקטיוויטעט" (וואָס איז גאָרנישט אַזוי אָביעקטיוו) קען מען זיין גאַנץ שאַפן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גייסטרייכער קאָנווערסאַנט, אַ געשיקטער געדאַנקען־אַקראָבאַט; ער האָט גוט געקענט די מלאכה פון אָפּשפּעטן, פון שאַפן וואָרט־קאָמבינירטע סתירות און קעגן־סתירות, ער איז געווען אַ מין מאָדערנער לץ, אַ זשאָגלער מיט ווערטער און געדאַנקען, און נאָך זיין טויט וועט אַלץ פאַרשווינדן, וואָס ער האָט געשאַפן אין אַ לאַנגען רייכן אַרבעטס־לעבן.

דער אמת ליגט אפשר צווישן ביידע פאָלן פון אָביעקטיוויטעט און סוביעקטיוויטעט, און דאָס ערלעכסטע איז: צוגעבן, אַז בערנאַרד שאָו האָט אונדז זייער אַ סך געגעבן, האָט אונדז געלערנט אַ נייעם צוגאַנג צו וועלט־געשייענישן און גייסטיקע שאַפונגען, צו ליטעראַטור און קריטיק, און צו דער דראַמאַטישער און קאָסמישער באַאורטיילונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָדער ווי איינער פון זיינע צאָלרייכער באַאורטיילער און קריטיקער האָט געשריבן נאָך זיין טויט: קיינער האָט אין זיין צייט נישט געלערנט זיינע מיטמענטשן אַזויפיל זעלבשטענדיק דענקן, ווי בערנאַרד שאָו.

אפשר נאָך פיל מער. ער האָט געשטירצט, אַראָפּגעשליידערט פון זייערע טראָנען פאַלשע געטער, אָדער ווי אַן אַנדערער קריטיקער האָט געזאָגט: ער איז געווען אַן „איקאָנאָקלאַסט", אַ בילדער־שטירמער. אמת, נישט דער איינציקער. פאַר אים שוין האָט הענרי איבסן, דער נאַטוראַליסטישער דראַמאַטיקער, אויפגעדעקט די שוואַכקייטן פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט און פאַמיליע, און האָט אַלס שכר געמוזט לעבן אַ פאַרוואָגלטער, אַלס פּליט אין פרעמדע לענדער, ווו ער האָט דערלעבט אַנערקענונג און גרויסקייט. פאַר זיי ביידע איז עס געווען היינע, דער ראָמאַנטיקער, דער דיכטערישער אָפּשפּעטער

און אָפּלאַכער פון זיין צייט, וואָס האָט אין אַ שיר אויסגערופן: „...מיין שטימע וועט איר הערן, מיין שטורעם און מיין דונער־שלאַג“:

„...און ריזן־דעמבעס וועט ער וואַרפן
אין יענעם טאָג דער ווילדער שטורעם, —
פּאַלאַצן, הערשער וועלן ציטערן,
און פאַלן וועט דער קירכן־טורם“.

יאָ, שאָו איז געווען אַ בילדער־שטירמער. ביי יעדער געלעגנהייט, ווו ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון פאַרבאָרגענהייטן, אויפגעדעקט דעם פּרצוף פון יחידים און גרופּעס, געשאַפן אין דער ליטעראַטור און דער דראַמע אַ נייעם צוגאַנג, נייע אמתן. ער האָט גרויסע געשטאַלטן פון דער געשיכטע אַוועקגענומען דעם אָרעאָל פון מיטאָס און לעגענדע, און זיי נאָענטער און מענטשלעכער געבראַנגט צו אונדז.

לאָמיר נאָר נעמען אַזאַ היסטאָרישע געשטאַלט, ווי יוליוס צעזאַר אין זיין „צעזאַר און קלעאָפּעטראַ“. דאָרט איז צעזאַר מענטשלעך און פאָטערלעך. זיין חכמה, שטאָטסמענישע און פּריוואָטע, איז וואַרעם, געוויגן און געמאָסטן. ער איז שוואַך און שטאַרק, העראָאיש און געפאַלן, אַ מענטש צווישן מענטשן.

ניי און גראַנדיעז איז אויך שאָו׳ס צוגאַנג צום טעמאַ זשאַן ד׳אַרק. זיין „הייליקע יאָהאַנאַ“ איז אַ גרויסע דראַמאַטישע רעוועלאַציע און אייגנאַרטיקע אינטערפּרעטאַציע פון אַ באַגעבנהייט וואָס איז גלייכצייטיק היסטאָריש און לעגענדאַריש פאַרוואָרצלט אין פאַרשידענע ליטעראַטורן.

אָט נאָר אַ פּשוט דאָרפס־מיידל פון די וואָגעזן־בערג אין מזרח־פראַנקרייך, געבוירן אינם יאָר 1412, ווערט זי אין דער צייט פון דער גרויסער ענגלישער אינוואַזיע אויף פראַנצויזישער טעריטאָריע, באַהערשט פון אַ וויזיע און שליחות צו ראַטעווען איר פאָטערלאַנד. איר מוט, אַנטשלאָסנקייט און איבערצייגונגס־קראַפט ברענגען גרויסע נצחונות פאַר איר לאַנד. אָבער די פינצטערע כחות פון זיגער און באַזיגטע און דער אַלגעוואַלטיקע „הייליקער און מיליטאַנטישער (קאַטוילישער) קירך“ שטעלן זיך איר אַנטקעגן. אַפילו אירע נאָענטסטע פריינט רוקן זיך פון איר אָפּ, ווען זי וויל נאָך די נצחונות ביי אָרלעאַנס און דער קרוינונג פון שאַרל דעם 7־טן אין דער קאַטעדראַלע פון רהיימס, ווייטער פאַרפאָלגן דעם שונא, אים פאַריאָגן פון פּאַריז און דאַן צוריקגיין אַהיים צום היימישן דערפל, צו איר סטאַדע אין לאָטרינגען. אינם יאָר 1431 ווערט זי נאָך אַן אינקוויזיטאָרישן געריכט, וואָס קלאָגט זי אָן אין אפּיקורסות און כשוף, לעבעדיקערהייט פאַרברענט. 25 יאָר שפּעטער ווערט זי רעהאַביליטירט, און ערשט נאָך 450 יאָר, אין די יאָרן 1908 און 1920, ווערט זי פון דער קאַטוילישער קירך בענעקדיטירט און דערקלערט אַלס הייליקע: דאָס דאָרפס־מיידל זשאַן ד׳אַרק ווערט סאַינט זשאַן אָדער די הייליקע יאָהאַנאַ.

אין זיין גרויסער פאָררעדע (וואָס דינט אויך אַלס פּירוש) צו דעם מאָנומענטאַלן ווערק ציט בערנאַרד שאָו אַ פּאַראַלעל צווישן סאָקראַטעס און זשאַן ד׳אַרק. פאַרנעמט זיין אויסטייטש: „סאָקראַטעס איז געווען אַ מאַן פון פּלפּול,



וואָס האָט געווירקט לאַנגזאַם און פרידלעך אויף דעם שכל פון מענטשן, זשאַן ד׳אַרק — אַ פרוי פון מעשים, וואָס האָט געווירקט מיט אימפּעט און כח אויף די גופים“. דאַריבער, מיינט שאָו, האָבן די מיטצייטלער געהאַט געדולד מיט סאָקראַטעס, אָבער נישט מיט זשאַן ד׳אַרק, וועמען זיי האָבן געלאָזט אומברענגען, נאָך איידער זי איז געקומען צו איר פולער רייפקייט.

לייענען מיר „די יונגפרוי פון אָרלעאַנס“ פונם דייטשן קלאַסיקער שילער, פאַרפאַסט און פּובליצירט מיט אַן ערך 150 יאָר פאַר בערנאַרד שאָו׳ס „הייליקער יאָהאַנאַ“, געפינען מיר לויט שאָו׳ס מיינונג קיין איינציקן אמתן באַרירונגס־פּונקט מיט דער אמתער זשאַן ד׳אַרק. און זיין מיינונג איז גאָרנישט איבערגעטריבן. שילערס יונגפרוי פון אָרלעאַנס איז אַ ראָמאַנטישע פיגור, וואָס רעדט די שפּראַך נישט פון איר צייט, נאָר דעם לשון פון דער צייט פונם דאַמאָלטדיקן דייטשן קלאַסיציזם. שילערס זשאַן ד׳אַרק־טראַגעדיע איז נאָר טיילוויז באַזירט אויף דעם היסטאָרישן געשייען פון דעם גרויסן קאַנטראַנאַציאָנאַלן קאַמף צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד. עס פעלן דאָרט די גרויסע קאָנפליקטן אין דעם קאַמף צווישן נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט און דער אַלגעוואַלטיקער מאַכט פון דער דאַמאָלטדיקער קאַטוילישער קירך; קאָנפליקטן, וועלכע זענען שיינבאַרער געטרעטן אין פאָדערגרונט הונדערט יאָר שפּעטער מיט דעם אויפוואַכן פונם פּראָטעסטאַנטיזם און נאָך אַ הונדערט יאָר שפּעטער אינם 30־יעריקן קריג, וואָס האָט מיטגעהאָלפן צו צוברעכן די סעקולאַרע (וועלטלעכע) מאַכט פונם רוימישן קאַטאָליציזם.

און אין דער צייט, ווען שילערס יונגפרוי פון אָרלעאַנס שטאַרבט העלדיש אויפן שלאַכטפעלד (וואָס איז היסטאָריש גאָרנישט אמת) זעען מיר בערנאַרד שאָו׳ס הייליקע יאָהאַנאַ קעמפן נישט נאָר מיטן שווערט, נאָר אויך מיט ווערטער קעגן די פינצטערע כחות פון דעמאָלט. מיט איר געשליפן ציינגל וואַרפט זי אָפּ אַנגריף נאָך אַנגריף סיי פון שונאים און סיי פון כלומרשטדיקע פריינט. ווען אירע קאַמף־גענאָסן מיט דעם קעניג און דעם בישאָף בראש זאָגן זיך אָפּ איר צו פאָלגן צו מאַרשירן אויף פּאַריז, ענטפערט זי זיי שטאָלץ: „...איך בין אַליין אויף דער גאַנצער ערד! איך בין אייביק געווען אַליין. מיין פאָטער האָט געהייסן מיינע ברידער זאָלן מיך דערטרינקען, ווען איך וועל נישט פאַשן זיינע שעפסן אין דער צייט, ווען פראַנקרייך פאַרבלוטיקט ביז צום טויט. יאָ, פראַנקרייך זאָל אונטערגיין, ווען נאָר אונדזערע שעפסן זיינען געזיכערט... איך האָב געמיינט, אַז פראַנקרייך וועט האָבן פריינט אינם הויף פונם קעניג, און געפין אויס, אַז וועלף רייסן שטיקער פלייש פונם אָרעמען קערפּער פון פראַנקרייך. איך האָב געמיינט, אַז גאָט האָט פריינט אומעטום, ווייל ער איז יעדנס פריינט. און אין מיין אומשולד האָב איך געגלויבט, אַז איר, וואָס זאָגט אייך איצטער אָפּ פון מיר, וועט מיך אַרומרינגלען ווי שטאַרקע מויערן מיך צו באַשיצן פון אַלעם שלעכטן...“ „מיינט נישט, איר קענט אָנוואַרפן אויף מיר אַן אימה ווען איר זאָגט מיר, אַז איך שטיי אַליין. פראַנקרייך איז איינזאַם און גאָט איז איינזאַם. און וואָס איז שוין מיין איינזאַמקייט צו דער איינזאַמקייט פון מיין לאַנד און פון מיין גאָט?“

און עס קומט צו דעם גרויסן פראָצעס וועגן אפיקורסות, גאָט־לעסטערונג און כשוף. די אַלמעכטיקע קאַטוילישע מיליטאַנטישע קירך קען נישט דולדן די ווירקונג פון אַזאַ נאַאיוון ערלעכן און פשוטן כח, ווי ס׳איז געווען דאָס מיידל זשאַן ד׳אַרק. די אַלמעכטיקע אינקוויזיציע פאַרלאַנגט פון איר תשובה און חרטה אָדער איר אונטערגאַנג. און אין אַ שוואַכן מאָמענט איז זי, לויט שאו׳ס אינטערפּרעטאַציע, גרייט געווען אָפּצולייקענען אַלץ, וואָס מען האָט פון איר פאַרלאַנגט. מען האָט איר צוגעזאָגט צו לעבן און זי נישט צו וואַרפן אין חרם אַריין. אָבער ווען זי פאַרנעמט, אַז טראָץ חרטה און תשובה ווערט זי פאַראורטיילט צו אייביקער תפיסה און אויף ברויט און וואַסער, צערייסט זי דעם דאָקומענט, וועלכן זי האָט אונטערגעשריבן.

„צינדט אָן אייער פייער! מיינט איר, איך האָב מורא דערפאַר? די שטימען, וואָס איך האָב געהערט, זיינען געווען ר׳כטיק. יאָ, זיי האָבן געזאָגט, אַז איר זענט נאַראָנים, און אַז איך זאָל מיך נישט צוהערן צו אייערע רייד און גלויבן אייער באַרמהאַרציקייט. איר האָט מיר צוגעזאָגט מיין לעבן, — איר זייט ליגנער! איר מיינט, אַז לעבן הייסט, ווען מען איז נישט טויט? ס׳איז ניט ברויט און וואַסער פאַר וואָס איך דערציטער, — איך קען לעבן מיט טרוקן ברויט. ווען האָב איך פאַרלאַנגט מער? ס׳איז נישט קיין צרה צו טרינקען וואַסער, ווען דאָס וואַסער איז ריין. ברויט איז נישט נעבעכדיק און וואַסער איז נישט קיין אומגליק. אָבער מיך אָפּצושליסן פונם שיין פון הימעל און דעם אָנבליק פון פעלדער און בלומען; אָנצוקייטן מיינע פיס, אַז איך זאָל קיינמאָל נישט קענען רייטן מיט די חיילות און קלעטערן אויף די בערג; צווינגען מיך צו אָטעמען פוילע און פייכטע טונקעלקייט, און מיר אַוועקנעמען אַלץ, וואָס פירט מיך צו דער ליבע פון גאָט, כאָטש אייער רשעות און נאַרישקייט ברענגט מיך אין אַ נסיון אים צו האַסן, — אַלץ דאָס איז ערגער, ווי דער זיבן־מאָלברענענדיקער גיהנום. איך קען לעבן אָן אַ מלחמה־פערד. איך קען גיין אָנגעטאָן אין אַ פראָסט מיידעלשן קליידל. איך קען לעבן אָן די פאַנען; און שטאַנדאַרטן, און טראָמפּייטן; אָן די ריטער און זעלנער פונקט ווי אַנדערע פרויען, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט הערן דעם ווינט אין דיביימער, דעם פויגל־געזאַנג אינם שיין פון דער זון, דעם געשריי פון יונגע שעפּסעלעך אין אַ ווינטערדיקן פראָסט און די געבענטשטע גלאָקן־קלאַנגען, וועלכע איבערברענגען מיט דעם ווינט די קולות פון מלאכים. אָבער אָן דעם אַלעם קען איך נישט לעבן. און מיט דעם, וואָס איר ווילט דאָס אַוועקנעמען פון מיר, אָדער פון יעדעם אַנדערן לעבעדיקן נפש, ווייס איך, אַז אייער איינגעבונג איז פונם טייוול, און מיינע פון גאָט!“

אָט די דאָזיקע וווּנדערבאַרע מעלאָדישע פּאָעטישע פּראָזאַ לאָזט בערנאַרד שאו רעדן זיין הייליקע יאָהאַנאַ; רעוואָלטירנדיקע רייד, וואָס זיינען יונג און אַלט, ווי דאָס מענטשלעכע געשלעכט, און פאַרפעלן נישט צו האָבן די געהעריקע ווירקונג אין אַלע צייטן.

און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אין די צוואַנציקער יאָרן האָט שאו׳ס



„הייליקע יאָהאַנאַ“ אין דער ליטעראַטור־וועלט און אויף אַלע גרויסע בינעס פון אונדזער ערד־קיילעך אַרויסגערופן שטורעם און באַוווּנדערונג, ווייל דאָס ווערק איז נישט נאָר אַ דראַמע פאַר טעאַטער, נאָר אַ מאָנומענטאַל־ווערק, ווו עס קומען מייסטערהאַפט און געניאַל צום אויסדרוק גרויסע קאָנפליקטן פון אַ לאַנג־פאַרשווונדענער צייט, קאָנפליקטן, וואָס האָבן נאָך נישט איינגאַנצן געפונען זייער אָפּשלוס און ענדגילטיקע לייזונג ביז צום היינטיקן טאָג.

---

## ניסעלעס א טרער

### אַ קינדער־פּאָעמע פון שפרה ווערבער

**אַרויסגעגעבן דורך דער געזעלשאַפט „שול און דערציאונג“, בעלגיע**

קינדער ליטעראַטור, ס׳הייסט שאַפונגען פאַר קינדער, האָט אַחוץ דעם פּעדאַגאָג, קיין אַנדערן אַ סך ניט אינטערעסירט און אויב אַ שרייבער האָט יאָ ווען עס איז געשאַפן עפּעס אויף דעם געביט, איז עס כמעט ווי פאַרזען געוואָרן סיי פון דעם קריטיקער און סיי פון דעם אַלגעמיינעם לייענער — דערפאַר אַזאַ געוואַלדיקע אָרימקייט אויף דעם געביט פון קינדער־שאַפונגען.

אמת, — אַ סך פון די פּרווון זענען ניט געווען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ אין פּעדאַגאָגישן און ניט אין קינסטלערישן זינען. ס׳איז קיינמאָל קיינעם ניט איינגעפאַלן און אויך ניט דער קריטיק, אַז אַפילו דעם דערציער מוז מען אַמאָל דערציען, כדי צו פאַרשטיין — אַז נאָכאָמען דעם קינד הן אין זיין שפּראַך און הן אין זיינע איינפאַלן איז ווייט ניט גענוג אָנצורופן עס קינדער־ליטעראַטור, ווייל דאָס קינד אַליין האָט ליב נאָכצומאַכן דעם דערוואַקסענעם און האָט ניט גערן ווען דער דערוואַקסענער מאַכט אים סתם נאָך; העכסטנס קאָן דאָס קינד לאַכן וואָס דער גרוסער מאַכט זיך נאַריש כדי אים צו אַמוזירן...

אַ סך פון די מחברים, וועלכע האָבן געמאַכט אַזעלכע פּרווון, האָבן איגנאָרירט דעם צוועק פון דעם לידל, אָדער מעשהלע און אַפילו אַ קינדער־שפּיל און דער צוועק איז דאָך באַוווּסט אַז ער מוז זיין דערציעריש. יאָ, סאָציאַלדערציעריש אָן דעם קינדס וויסן אַז מען זוכט אים צו דערציען, געגנוי ווי עס ווייסט ניט ווען מען גיט אים אַ פאַרציקערטע פּילולע צו דינען אַן אַנדער צוועק...

---

אָט האָבן מיר פאַר זיך אַ שיינע קינדער־שאַפונג פון דער לערערין שפרה ווערבער, „ניסעלעס טרער“, וועלכע איז אויסגעהאַלטן שפּראַכלעך, אויך קינסטלעריש אין טעכנישן געבוי פון דעם פערז, אָבער פּעדאַגאָגיק, דעם צוועק פון דער זאַך, די פּעדאַגאָגישע שליחות, האָט שפרה ווערבער קוים טיילווייז דערגרייכט מיט דעם אויפשטייג פון איר ליד אויף אַזוי פיל, וויפיל עס האָט צו טאָן מיט ניסעלעס פּערזענלעכער פרייד צו פרייען זיך מיט טאַטעמאַמע אין ברוסל.

ווייסט טאַקע איין גאָט פאַרוואָס נאָך אַזוי פיל אַרומוואַנדערונגען פון ניסעלעס טרער ווי: לאָנדאָן, וואשינגטאָן, ישראל און גאָר צום לעצט רוסלאַנד זאָל די טרערעלע קוים צוריק געפינען אַ תיקון אין בריסל, — דאָס איז ניט נאָר וווּנדערלעך נאָר טאַקע ממש אויסטערליש...

די פּאָעמע איז אָן ספק אַ מוסטער פון אַ שאַפונג אָבער ווייט ניט גענוג פון דעם ריין־פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט — דאָס קינד מוז אַלע מאָל קאָנען עפּעס דרינגען און אַ פאַנטאַזיע ווי „ניסעלעס טרער“ איז, האָט דאָך זיכער געקאָנט זיך נאָכגעבן צו מער דערגרייכבאַרעס ווי דער פּערזענלעכער נצחון פון ניסעלען צו „פרייען זיך מיט זיין טאָטע־מאַמען אין בריסל“; אגב האָט דאָך „ניסעלעס טרער“ געהאַט אַזאַ שיינעם קבלת פּנים אין ישראל... און מען איז דאָרטן ניט געווען אַזוי פאַרנומען נאָר מיט „מאַכן ביקסן, עראָפּלאַנען“.

דעם אמת געזאָגט, ווייזט עס אויס, אַז שפרה ווערבער זאָל זיך אַליין האָבן פאַרשפּילט מיט איר אייגענע שפּילעוודיקייט, ווי ס׳געשעט אַמאָל מיט דערוואַקסענע ווען זיי טראָגן אונטער דעם קינד אַ מתנה — דאָס איז פאַרדריסלעך, ווייל „ניסעלעס טרער“ איז דאָך דער דירעקטער אויסגאַנג פון אַ שטורעם; דאָס קינד מעג עס וויסן און ניט סתם אָפּקומען מיט אַ שפּילעוודיקייט ווי שיין זי זאָל ניט זיין. עס מוז לערנען און געדענקען ווו עס לאָזט זיך אויס דער קאַמף און דראַנג און ווו און ביי וועלכן עס הויבט זיך אָן דערגרייכונג און מענטשלעכע פרייד בכלל.

אָבער ווי דערמאָנט האָט שפרה ווערבערס שאַפונג דאָך אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט און קינדער־שולן וועלן אָן ספק זיך באַנוצן מיט „ניסעלעס טרער“ ווייל:

„און ווי אַמאָל, אויך איצט — אין בריסל
לאַכט און פריידט זיך יינגל ניסל;
מיט זיין טאָטן, מיט זיין מאַמען
ווויגען אַלע דריי צוזאַמען,
וווינען אַלע דריי אין פריידן,
גליקלעך ווי אין אַ גן־עדן“...

וועלן מיר דערפאַר ווינטשן דער דיכטערין שפרה ווערבער פאַרזעצן איר דיכטן און האָבן נחת פון אירע ניסעלעך און מעשהלעך.

די אויסגאַבע איז באַצירט מיט גאָר חנעוודיקע צייכנונגען פון דעם קינסטלער וואָס צייכנט זיך BENN און וועלכע גיבן צו אַזוי פיל חשיבות.

## אלעגגאריער.

**בקרוב דערשיינט ס. פאלמעס בוך „סילועטן אין שפיגל“ מיט אילוסטראַציעס פון מחבר.**



רקודה פאטאש*

## צו משה עובד׳ן דעם שרייבער און דיכטער, און אויך סקולפּטאָר

דאָ שרייבט צו אייך די ביבליאָטעקאַרין פון מוזעאום בצלאל, וואָס האָט דאָס גליק צו האַלטן אין האַנט ביכער פ.ון קונסט און אויך ביכער פון „וויזיאָנען און איידלשטיינער“. און ווייל דאָס בוך איז געווידמעט דעם „בויער פון בצלאל — מ. נארקיס׳ן“ — (און ער איז גראד איצט אין אייראָפּע) האָב איך דאָס בוך גענומען און אויפגעבלעטערט און דערפילט דאָס די רובינען און טאָפּאַזן זעצן זיך מיר אויפן האַלדז און איך ווער די בת־מלכה פון יידישע תכשיטים!

און איך בלעטער און לאָז ניט די אויגן אַוועק פון די דאָזיקע ווונדערלעכע איידלשטיינער. און פּלוצים הויב איך אָן לאַכן אויפן קול. מיין טאָטע זאָל לעבן, אַ ייד וואָס היט זיין קינד ווי ס׳אויג פון קאָפּ — פרעגט מיך — וואָס לאַכסטו דאָס אַזוי טאָכטערשי? — אַי, — זאָג איך — פאַראַן אַ ייד אין לאָנדאָן, וואָס הייסט משה עובד, וואָס אַז ער שרייבט עפּעס מוז מען לאַכן.

יעדעס קאַפּיטל איז אַ דימאַנטל פון אַ גרויסן בריליאַנטענעם רינג. דאָס בוך זאָג איך מוזטו אַליין אויך לייענען, ווועסטו הנאה האָבן.

איך האָב דאָס בוך דעם טאָטן געגעבן און געבעטן אים ער זאָל עס מיר אין אָוונט ווידער צוריק געבן.

אַ מאָדנע בוך! אַ געשאַנק וואָס וועט פאַר דורות בלייבן. אַ בוך וואָס מען קאָן עס ניט אַרויסלאָזן פון האַנט! דער טאָטע האָט מיר דאָס בוך צוגענומען און ער קאָן זיך נישט זאַט לייענען. אַ בוך פול יידישן הומאָר, פול חנו׳דיקייט.

און אויב אַ בוך האָט אַזוי פול חן, מוז מען דאָס עפנטלעך זאָגן, זאָגן און בעטן יעדן יידישן לעזער וואָס האָט אַ חוש פאַר הומאָר, ער זאָל זיך דאָס בוך איינקויפן און הנאה האָבן.

און דעריבער ליבער משה עובד, שוין לאַנג, זייער לאַנג פון זינט כ׳האָב געלייענט „קאליא ברעניאַן“, פון ראמאַן ראַלאַן, האָב איך זיך נים אַזוי געפרייט ווי מיט דעם דאָזיקן בוך. איך זאָג אייך צו, ווען נארקיס, אייער פריינט וועט קומען פון אייראָפּע וועל איך און מיין טאָטע אים צוטראָגן דאָס חנ׳עוודיקע געשאַנק און איך וועל אים זאָגן: משה עובד האָט דאָס געשאַנק געמאַכט פאַר כל ישראל — לאָמיר אים דאַנקען.

---

רקודה פאטאש*

אין מיין אַרטיקל איבער די קונסט אין ישראל האָב איך דערמאָנט די פיינע יידישע דיכטערין רקודה פּאָטאַש און אין מיין רעפעראַט איבער די מוזעאומס אין ישראל, געהאַלטן אין „בן אורי“, האָב איך פאַרביילויפיק דערציילט איבער די וויכטיקע אַרבעט און חלוצישע אָנשטרענגונג פון די דאָזיקע איידעלע פרוי און יידישע דיכטערין און וואָס זי איז פאַר די יידישע וואַקסנדיקע

יונגע קינסטלער אין ישראל — אַ יונג זיך בויענדיק לאַנד, גאַנץ אַריינגעטאָן אין דער זיך שטאָלץ צוריק אויפבויענדיקער מדינה, זענען דאָ ווייניק דערוואַקסענע מענטשן וואָס זאָלן זיך אַריינוואַרפן אין דינסט פאַרן פאָרשנדיק קינסטלער, פאַר די טאַלאַנטירטע יוגנט, וואָס האָט נישט די מעגלעכקייט צו זיין אין פאַריז און לאָנדאָן און אַמסטערדאַם כדי צו זען די שאַפונגען פון די גרויסע וועלט מייסטער.

זיצט זי דאָרט אונזער יידישע פּאָעטין, מיט איר טיפן פאַרשטיין און קינסטלעריש האַרץ אין בצלאל מוזעאום און „האָרכט און שאָרכט אין די וווּנדערלעכע שאָטנס פון וואַלעסקעס, גאָיא, רעמבראַנד, רובנס, טיציאַן, פּאול קליי, קאַנדינסקי און נאָך און נאָך". אויב איך האָב מיט מיינע רעפּעראַטן געוואָלט אויפוועקן די לאָנדאָנער קונסט, מעצענאַטן און זאַמלער, אַז זיי זאָלן שיקן תרומה און מעשר פון זייערע אָריגינעלע בילדער, וואָס הענגען איינזאַם אויף זייערע קאַלטע ווענט און שיקן נאָך ישראל אין די דאָרטיקע ליידיקע מוזעאומס, האָט אַ סך צוגעהאָלפן די אידעלע רקודה וואָס איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן מיט איר אומדערמידלעכע אָנגעשטרענגטע אַרבעט — אָ, אונזער פּאָעטן־פאַך האָט נאָך אַ „ווערט" פאַרן אויפבוי פון ישראל, ווען מען זעט רקודה פּאָטאַזש אַרבעטן אין „בצלאל", אין ירושלים.

עס איז צו האָפן, אַז לעצטנס דער גרויסע באַנקעט אין „הויז אָף קאָמאָנס" פאַר די מוזעאומס אין ישראל ווו דער פאַרטיידיקונגס מיניסטער עמאַנואל שינוועל, האָט באַגייסטערט גערעדט וועגן ישראל, וועט ניט נאָר אויפגעכאַפּט ווערן ווי אַ פּאָליטישער ענין, נאָר טאַקע ווי אַ פּראַקטישער, און עס וועלן געזאַמלט ווערן קונסט־בילדער פון די גרויסע אַלטע מייסטער, וואָס געפינען זיך לרוב אין רייכע יידישע הייזער אין ענגלאַנד, טאַקע די אַלטע מייסטער רעמבראַנד וואַלאַסקעס, וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ יונגע מדינה נישט ווייניקער ווי אַנדערע געזאַמלטע פאָנדן פאַר ישראל.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די סקולפּטורן פון יעקב עפּשטיינען, וועלכע משה עובד האָט געשענקט אין בצלאל, באַשיינען דאָס מוזעאום — עס מעגן זיך אַנדערע מנדבם פון אים אָפּלערנען און טון דאָס נעמלעכע!

איר ברודער, נאַרקיז, (דער דירעקטאָר פון „בצלאל") האָט עס לייכטער, ער וועט שוין געפינען די אַלטע אַנטיקן אויף די חורבות פון אונזערע אייראָפּעאישע שטעט און שטעטלעך . . . ער וועט זיך שוין דערגראָבן מיט זיין טיפן יידישלעכן האַרץ — אַ מנורה, אַ בשמים־ביקסל, אַ „כתר", אַ „יד", אָבער ווו זאָלן מיר נעמען אונזערע טינטאָרעטאָס, אונזערע טיציאַנס? ווו זאָלן תלמידים פון דער בצלאל־שול דערזען דאָס גרויסע, נישט נאָר האָרכן בלויז אַ שאָרך דערפון.

ש.

---


יידיש ליטעראַרישע שבת נאַכמיטאָגס

אַלע שבת טרעפן מיר זיך ביי אונזערע

רעפּעראַטן, לעקציעס, דיסקוסיעס, רעציטאַציעס געזאַנג

33 בערנער סטריט, א.1 ✡ פרייער איינטריט




## יוסף פרענקעל

# די געשיכטע פון שקל

(סוף)

היינט איז דאָ אַנשטאָט אַן „אינהאַבער פון אַ שקל־בלאָק" — אַ שקל־קאָמיטעט און אַנשטאָט אַ „לייטער" — אַ וואַל־קאָמיסיע, וואָס פּאַסט אויף איבער די באַשטימונגען פון די וואַל־אָרדינאַציע. ווען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען קומען דורך וועגן דער פאַרטיילונג פון די דעלעגאַטן, דאַן קומען נישט פאַר קיין וואַלן, ווען נישט, דאַן מוזן פאָרקומען וואַלן, וועלכע זיינען דירעקט און געהיים. אָבער וועגן דער רעכטמעסיקייט פון די וואַלן ענטשיידעט דער קאָנגרעס־געריכט, וועמענס אורטייל עס איז ענדגילטיק.

אויף דעם זעקסטן קאָנגרעס (באַזעל, 1903) איז געוואָרן געהעכערט די צאָל פון וויילער, וואָס ווילן איין דעלעגאַט אויף 200, ווייל זייט 1901 איז דער קאָנגרעס פאָרגעקומען איינמאָל אין צוויי יאָר. שפּעטער זיינען דערצו נויטיק געווען צוויי פולע „צווייהונדערטשאַפטן". נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז די צאָל געשטיגן אויף 2,000 שקל־צאָלער פאַר איין דעלעגאַט און נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג אויף מינדעסטנס 5,000.

ווען די פּאַרטייען האָבן זיך פאַראַנקערט אין ציוניזם, האָבן זיי באַקומען באַזונדערע שקלים. ס'איז געווען אַ „לאַנדעס־שקל", „מזרחי־שקל", „פּועלי־ציון־שקל" א.א.וו. און אין יאָר 1925 (14־טער קאָנגרעס אין ווין) איז ווידער איינגעפירט געוואָרן דער „איינהייטס־שקל", ד.ה. פאַר אַלע פּאַרטייען שקלים אין אַן איינהייטלעכער פאָרם.

דער „גאָלדענער שקל", וואָס איז במשך פון אַ קורצער צייט פאַרקויפט געוואָרן פאַר מינדעסטנס 1 פונט, האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די קאָנגרעס־וואַלן און האָט מער געגאָלטן אַלס נדבה.

וואַל־פּראָטעסטן זיינען אַלעמאָל געווען, — זינט דעם צווייטן קאָנגרעס ביז צום היינטיקן טאָג. זיי האָבן דערצו געפירט, אַז דאָס וואַלסיסטעם איז אַלץ מער פאַרבעסערט געוואָרן און אַז די קאָנטראָל איבער דאָס האַלטן זיך אָן די וואַל־פאַרשריפטן איז אַלץ שטרענגער געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט אויסדריקן די ריכטיקע שטימונג פון די וויילער.

כדי די שקלים זאָלן נישט געפעלשט ווערן, איז צוערשט דאָס קאָנגרעס־ביוראָ געווען די איינציקע אויסגאַבע־שטעל פאַר שקל־בלאָקס, וועלכן מען האָט געדרוקט אויף אַ ספּעציעלן פּאַפּיר מיט אַ ציוניסטישן וואַסער־צייכן. אויך די וואַל־צעטלען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן קאָנגרעס־ביוראָ און נאָר מיט די צעטלען, אויסגעפילט פון די וויילער, האָט מען געקענט אָפּגעבן אַ שטים . . .

שקלים האָבן געדאַרפט פאַרקויפט ווערן נאָר צו פּערזאָנען, אויך ווען זיי האָבן נישט אָנגעהערט צו אַ ציוניסטישער גרופּע, וועלכע זיינען איינפאַרשטאַנען מיט דעם „באַזעלער פּראָגראַם". זינט 1933 — נאָך דעם קאָנפליקט

מיט זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט געוואָלט פירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק — איז צוגעקומען אויף דעם שקל אַ „דיסציפּלין־קלאַוזול“, ד.ה. אַז דער אינהאַבער פון שקל אונטערוואַרפט זיך אין ציוניסטישע פראַגן דער דיסציפּלין פון דער צ.א.

ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן זיך מאַנכמאָל קעגנזייטיק באַשולדיקט, אַז זיי פאַרטיילן שקלים „גראַטיס“, כדי צו באַקומען מערער שטימען ביי די וואַלן. אַזאַ קאָנטראָל דורכצופירן איז זייער שווער. פריינד און קעגנער פון ציוניזם האָבן קריטיקירט דאָס שקל־סיסטעם. באַקאַנט איז די בראָשור „אַ קראַנע פאַר ציון“ פון קאַרל קראַוס, אַן אַסימילאַנט, וואָס האָט זיך שפּעטער געלאָזט שמדן. אחד העם איז געווען קעגן דעם שקל און דעם „שקל־ציוניזם“. ער איז אויף דעם ערשטן און פינפטן קאָנגרעס געווילט געוואָרן אין אַ „קולטור־קאָמיסיע“, אָבער פאַקטיש האָט ער זיך אין דער קאָמיסיע נישט באַטייליקט, ווייל ער האָט נישט געקויפט קיין שקל. ישראל זאַנגוויל דאקעגן האָט זיך באַקלאָגט, וואָס מען האָט זיינע אנהייגער, די טעריטאָריאַליסטן, נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין שקלים און זשאַבאָטינסקי האָט פּראָפּאַגירט, אַז מען זאָל דעם שקל פאַרשפּרייטן כמעט אומזיסט, פאַר אַ „מיל“.

אורשפּרינגלעך האָבן די שקל־געלטער געהערט צו די וויכטיקסטע הכנסות פון דער יונגער צ.א. אַזוי ווי עס איז אין דער ציוניסטישער מאַשין כמעט נישט געווען קיין „אייל“, האָט מען זיך באַלד נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, שוין אין אָקטאָבער 1897, גענומען צו פאַרקויפן שקלים. אין צווייטן קאָנגרעס־יאָר האָט אויסגעמאַכט די צאָל פון ציוניסטישע מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַט שקלים, 87,000. דער ערשטער פאַרעפנטלעכטער פינאַנץ־באַריכט פון דער צ.אָ. איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף דעם דריטן קאָנגרעס (1899) און די הכנסות פון אויגוסט 1898 ביז אויגוסט 1899 האָבן אויסגעמאַכט איבער 158,000 פראַנק, דערפון איבער 114 טויזנט פאַר שקלים, ד.ה. עס זיינען געווען איבער 100,000 שקל־צאָלער. פאַר דעם ערשטן וועלטקריג האָט זיך די צאָל פאַרדאָפּלט. ריכאַרד ליכטהיים האָט באַריכטעט אויף דעם 12־טן קאָנגרעס (1921 אין קאַרלסבאַד) — דעם ערשטן נאָכן ערשטן וועלט־קריג און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — אַז עס זיינען דאָ 770,000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער. בן־גוריון האָט אונטערשטראָכן אין זיין באַריכט אויף דעם 19־טן קאָנגרעס (לוצערן, 1935), אַז עס איז דערגרייכט געוואָרן דער ערשטער מיליאָן שקל־צאָלער. איבער צוויי מיליאָן שקלים זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דעם קאָנגרעס־יאָר 1946 (22־טער קאָנגרעס אין באַזעל). אין די קאָנגרעסלאָזע יאָרן איז די צאָל פון די פאַרקויפטע שקלים אָפּט געפאַלן ביז פופציק פּראָצענט.

צוערשט האָט מען די מייסטע שקלים פאַרקויפט אין עסטרייך־אונגאַרן, דאַן האָט דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנומען רוסלאַנד. מיט דער קאָמוניסטישער הערשאַפט איז פאַרשוווּנדן דער שקל אין רוסלאַנד און פּוילן איז געוואָרן פירנד. נאָך דער פאַרניכטונג פון די פּוילישע יידן זיינען דערגרייכט געוואָרן רעקאָרד־צאָלן אין אַמעריקע. פאַר ארץ־ישראל האָט עקזיסטירט אַ „פּרעראָ־



גאַטיוו“. אינדערצייט, וואָס אין גלות זיינען נויטיק 5,000 שקלים, כדי צו שיקן אַ דעלעגאַט, איז אין אר״י געווען גענוג אַ העלפט, ד.ה. 2,500.

די ענגלישע ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אין יאָר 1900 איינגעפירט דעם „שקל־טאָג“. אין אַ באַשטימטן טאָג זיינען אין גאַנצן לאַנד אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען און עס זיינען פאַרקויפט געוואָרן שקלים. דער אַ שקל־טאָג — („מייד אין ענגלאַנד“, האָט זיך אויסגעדריקט בערטאָלד פייוועל) איז באַלד נאָכגעאָפירט געוואָרן אין אַלע לענדער און איז געוואָרן פאַר די ציוניסטן אַ פייערלעכער און יום־טובדיקער טאָג. אָרעמע יידן האָבן אָפּגעשפּאָרט סענטימס, סענטס, קאָפּייקעס, העלער אָדער פעניס, כדי אין דעם טאָג צו קויפן אַ שקל. און מיט די שקל־געלדער איז געבויט געוואָרן די צ.א. דריי יאָר שפּעטער איז צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ „שקל־וואָך“ און שליסלעך אַ „שקל־מאָנאַט“.

ד״ר ע. מ. צווייג האָט אין יאָר 1904 אָנגערופן דעם שקל אַ „באַראָמעטער“, וואָס ווייזט די שטייגנדע אָדער זינקנדע טעמפּעראַטור פון דער פאָלקס־באַגייסטערונג. דרייסיק יאָר שפּעטער האָט בן־גוריון באַצייכנט דעם שקל אַלס אַ „גאַראַנטיע־בריוו פון דעם ווידערענטשטייענדען יידישן פאָלק“.

איצט איז דאָ די יידישע מלוכה, געשאַפן דורך די אינסטרומענטן פון הערצל, פון דער צ.א. פון קאָנגרעס און פון שקל.

היינט זוכט מען נייע וועגן, כדי צו באַלעבן די צ.א. די באַלעבונג הייבט אָפּ פון דעם קומענדיקן קאָנגרעס, פון די דעלעגאַטן, וועלכע עס וועלן באַשטימען די שקל־צאָלער. עס קען זיין, אַז דער נעכסטער קאָנגרעס וועט אויך ענדערן דעם טעקסט פון שקל. דער ערשטער טעקסט — דאָס באַזעלער פּראָגראַם — איז טיילווייז רעאַליזירט געוואָרן און דער צווייטער טעקסט — די דיסציפּלין־קלאַוזול — איז היינט איבערפליסיק. וואָס עס וועט אויך באַשלאָסן ווערן, דער שקל אַלס סימבאָל פון דער ציוניסטישער דעמאָקראַטיע, פון דער גלייכבארעכטיקונג פון אַלע ציוניסטן, פון דעם פרייען רעכט זיך אַרויסצוזאָגן און פון שוץ פון די קליינע פּאַרטייען אָדער דער אָפּאָזיציע, וועט מוזן בלייבן.

## 60־יאָהריגער יובילײ פון א באַריהמטן ישראל־פּיאָנער

### פון ד״ר א. שראַגענהיים

פאַראַן געשטאַלטן אין ישראל, וואָס זענען נישט נאָר אַן אָרנאַמענט פון׳ם יידישן ישוב אין לאַנד, נאָר זיי זענען פערזענליך אַן היסטאָריע פון אַ לאַנגע קייט פון וואונדערבאַרע געשעהענישן, פאַקטן פון טיפן גלויבן, זיי זענען פון די פּרעכטיקסטע קאַפּיטלעך פון אונזער נייעסטע געשיכטע, וואָס איז פול מיט שאַפונגס־קאַמף און מסירת־נפש.

**איינער פון די דאָזיגע פּיאָנערן איז גדליה שטוצינער, פּיאָנער פון רעננה און גן־יבנה. אויף זיין פּנים איז אויסגעקריצט מיט טיפע אותיות אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע פון אַמעריקאַנער אידן פאַר דער לעצטער תקופה אין ישראל.**

### ווי אַזוי ער שטודירט „ריעל עסטייט" אין ניו־יאָרק

רעננה שטעלט מיט זיך פאָר זייער אַ שעהנע מענטשן־מאַסע, וואָס האָט דורכגעמאַכט איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס און אויסקריסטאַליזירט איר ליבע באַהעפטיגונג צו דער מאַמע ערד. ס'איז אַ גאַנץ שעהנע געשיכטע, ווי אַזוי די דאָזיגע אידן פון ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, דעטראָיט, סינסינעטי, קליוולאַנד און אַנד. שטעדט זענען געקומען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין י ש ר א ל.

די געשיכטע איז ענג פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן פון ג. שטוצינער. ניו־יאָרקער אידן געדענקן נאָך גוט ווי אַזוי ג. שטוצינער אן אייניקל פון ר' ליבוש חריף, פלעגט רודערן, ברענען אַ וועלט, וואו ס'איז נאָר ערגעץ געווען אַ „ריעל עסטייטניק" אין ניו־יאָרק האָט ער איהם באַזוכט, ער האָט געוואָלט דער־טאַפּן די „ספּרענזשינע" פון „ריעל עסטייט מסחר", בכדי צו וויסן, ווי אַזוי אַנצוגיין מיט זיינע קונדן, וואָס האָבן איהם אַנגעטרויט זייערע פאַר אָפּגע־שפּאָרטע דאָלער.

און אַז ער האָט זיך שוין געפונען פאַר ראוי, פאַר זיין אויפגאַבע האָט ער אָפּגעדרוקט גרויסע אַנאָנסן אין דער יידישער פּרעסע און עס איז ערשט אַוועק אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ צו אַלע ציוניסטן, אַזוי אַז ס'האָט זיך געעפענט אַ ביוראָ פאַר גרינדן אַן „אחוזה" אין הייליגן לאַנד, און ווער ס'וויל קען זיך איינקויפן באָדן אין ארץ ישראל.

אין די סאַמע יאָהרן פון קריג, ווען איבער דער וועלט איז אָנגעגאַנגען אַ חורבן, האָט שטוצינער צוזאַמען מיט אַ רייה ציוניסטישע טוער אין ניו־יאָרק געפּאלגט דעם פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע אין יידישן היימלאַנד.

חלומות זענען געוועהנליך דאָס זויער־טייג פון וועלכן עס באַקט זיך אויס דאָס ברויט. אַזוי איז אויך געוואָרן מיט'ן אויפבוי פון רעננה.

מען פלעגט אין יענע יאָהרן קוקן אויף די ציוניסטישע טרוימער ווי אויף בעלי חלומות, בטלנים און שלומיאל'ס, וואָס מיינען, אַז זיי וועלן ביים טערק כאַפּן מציאות (ארץ ישראל איז נאָך דעמאָלט געווען אונטער טערקיי) און עס ווייזט זיך אַרויס איצט, אַז גראַד די דאָזיגע שלומיאל'ס האָבן טאַקע געכאַפּט די אמת'ע מציאה און אַז זיי האָבן געהאַט אַ ווייטן קוק.

אַז די היץ ברענט אין תל אביב אין אַ הייסן חאמסין־טאָג און דו כאַפּסט זיך אַריבער קיין רעננה און דו זעסט, וואָס די אַמעריקאַנער יידן האָבן אויפגעטאָן און ווי אַזוי די פאַר אידעאַליסטן פון קאָלומבוסעס מדינה האָבן אויס־געבויט אַזאַ באַצויבערענדע שיינע קאָלאָניע, ווערסטו פאַרגאַפט פון דעם חלום, וואָס עס איז געוואָרן פון איהם אַ ווירקליכקייט.

יעדע קאָלאָניע דאָ פאַרמאַגט זיך איהר יחוס. פאַראַן דאָ קאָלאָניעס וואָס פאַרמאָגן ווייניגער יחוס. זייער יחוס איז זייער יונגקייט. און צו זיי געהערט



אויך די קאָלאָניע „רעננה" און איהר בשכנות'דיגע קאָלאָניע „הרצליה". איןביידע קאָלאָניעס טרעפסטו אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן געוויזן אַ סך איבער־געגעבענקייט צום לאַנד.

### אַלס כלל־טהוער און זשורנאַליסט

ג. שטוצינער איז באַקאַנט אַלס כלל־טוער, ער איז אָבער אויך באַקאַנט מיט זיין זשורנאַליסטישער טעטיגקייט. נאָך אַ טאָג שווערע אַרבייט געפינט ער שטענדיג פרייע צייט צו ווידמענען זיך פאַר שרייבן רעפּאָרטאַזשן און אַרטיק־לען וועגן לעבן פון לאַנד, און וואָס ער שרייבט, שרייבט ער שטענדיג לייכט, נישט געקנייטשט דעם שטערן, און טעמעס וועגן וואָס צו שרייבן פעהלט איהם קיינמאָל נישט אויס. ער לעבט אין שטראָם און מיט'ן שטראָם פון לעבן.

אין אַלע זיינע רעפּאָרטאַזשן פיהלט זיך זיין אויסערגעוועהנליכע ליבע צו אַלס וואָס שאַפט זיך אין לאַנד. פול מיט התפעלות קוקט ער אויף אַלעס, ווי אַ נייע וועלט וואָלט זיך דאָ געבויט, אַ וועלט וואָס פאַרעמט זיך נאָך אויס און ג. שטוצינער איז פילבאַר אויף יעדן חידוש, אויף יעדן ליכט־פּונקט פון דעם דאָזיגן נייעם לעבן, ווי ער רופט דאָס: „דער איבערייס מיט'ן גלות־לעבן". זייענדיק אַליין אַ מענטש, וואָס אים איז באַקאַנט גוט די דערנידרונג פון אידישן לעבן אין גלות, בעציהט ער זיך צו אַלץ און צו אַלעמען מיט רעספּעקט און אויך מיט הארץ. ס'פיהלט זיך נאָך אין זיין שרייבן דער פלאַם פון די ערשטע בילויי"ם די „צעדי בראשית" פון גאולת הארץ און גאולת האדם.

---

## יחזקאל נח ערלעכמאַן

## ישעיה הנביא און חזקיה המלך

די צוויי וועלט בארימטע גאונים פון פאַריקן דור, ר' יצחק אלחנן פון קאָוונע און ר' יוסף בער פון בריסק, זכרם לברכה, זענען געווען גרויסע ידידים און האָבן זיך זייער אָפט קאָרעספּאָנדירט איינער מיט דעם צווייטן וועגן דברי תורה, שאלות והשובות, אָדער וועגן עניני הכלל.

איז אַמאָל אָנגעקומען אַ בריוו פון ר' אלחנן צו ר' בער, וואָס איז נישט געווען געשריבן ווי אַלע מאָל מיט זיין אייגענער האַנטשריפט, נאָר דורך זיין סעקרעטאַר, און ער ענטשולדיקט זיך, אַז דאָס איז, ווייל ער אַליין, ר' אלחנן געפינט זיך נישט ביים בעסטן געזונט. ר' יוסף בער האָט באַלד אַוועקגעלייגט אַלע זיינע עסקים און איז גלייך געפאָרן קיין קאָוונע מבקר חולה זיין זיין בעסטן פריינד.

זיין מנהג איז געווען, ווען ער פלעגט פאָרן אין אַ פרעמדע שטאָדט איז ער געפאָרן אין פריוואַטע קליידונג, און פלעגט זאָגן בדרך צחות אַז דער רבנישער אוניפאָרם איז גלייכער ער זאָל זיין „כבודו במקומו מונח" און דער־בער ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאָוונע און געוואָלט אַריינגיין צום חולה,

האָט אים די רביצין — וואָס האָט אים נישט געקאָנט פערזענלעך — פאַרשטעלט דעם וועג, זאָגנדיק, אַז ער האָט שוין היינט געהאַט אַ סך באַזוכער און דער דאָקטאָר האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן אַ סך רו.

ר׳ יוסף בער, ווייסנדיק, אַז זיין וויזיט וועט האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף זיין געזונט צושטאַנד, האָט אויפגעהויבן ביידע הענט און געזאָגט בקול רם: „אויב אַזוי! איז טאַקע גאָט גערעכט און זיין משפט איז גערעכט!" די עצה האָט גוט געווירקט, ער האָט די ווערטער גערעדט אַזוי הויך, אַז ר׳ יצחק אלחנן האָט אים דערקענט אין זיין קול. ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט זאָגן די רביצין, אַז דער מאַן איז דער בריסקער רב, זי זאָל אים גלייך אַריינלאָזן.

זיי האָבן זיך שטאַרק משמח געווען, און נאָכן פונאַנדערפרעגן וואָס ער מאַכט, פרעגט אים ר׳ אלחנן וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט: „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט". האָט זיך ר׳ יוסף בער שטאַרק צולאַכט און זאָגט צו אים: „אייער פרוי האָט גאַנץ כשר פארדינט דעם טיטול פון „אשת חבר כחבר", ווייל דורך איר האַנדלונג איז מיר געלונגען צו פאַרשטיין אַ מאמר חז"ל אין ברכות (ה׳) וווּ עס ווערט דאָרט געזאָגט אַז ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ סכסוך צווישן ישעי הנביא און חזקיהו המלך.

„דאָס איז געווען ווען סנחריב מלך אשור האָט זיך צוגעגרייט צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף ירושלים, און זיי האָבן זיך באַדאַרפט צוזאַמען קומען כדי צו אַראַנזשירן וועגן די פארטיידיקונג, וואָס פאַראַ מיטלען אָנצונעמען, האָט ישעיה געזאָגט: ווייל איך בין דער נביא דאַרף חזקיה קומען צו מיר! חזקיה האָט אָבער געזאָגט: „איך בין דער מלך און ישעיה דאַרף קומען צו מיר!" האָט דער רבונו של עולם געמאַכט אַ פשרה, ער האָט געשיקט אַ קרענק אויף חזקיה, האָט דאָך שוין ישעיה געמוזט גיין מבקר זיין דעם חולה.

„איז מיר דער מאמר שווער געווען צו פאַרשטיין, ווייל לויט ווי עס זעט אויס, איז דאָך חזקיה געווען גערעכט. ווארים אַ מלך טאָר נישט מוחל זיין זיין כבוד (מלך משחל על כבודו אין כבודו מחול) און אויב אַזוי, פאַר וואָס איז חזקיה קראַנק געוואָרן? האָט דאָך עפ"י יושר געדאַרפט ישעיה קראַנק ווערן און חזקיה זאָל אים גיין מבקר חולה זיין?

„נאָר יעצט איז עס מיר גאַנץ פאַרשטענדלעך: ווען ישעיה וואָלט קראַנק געווען, וואָלט אַלץ חזקיה נישט געקאָנט אַריין קומען צו אים, ווארים ישעיה׳ס ווייב וואָלט אים נישט אַריינגעלאָזט, פונקט ווי אייער ווייב האָט מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו אייך. חזקיה אָבער, האָט קיין ווייב נישט געהאַט דעמאָלט, ערשט שפּעטער ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער חתונה געהאַט מיט ישעיה׳ס טאָכטער, האָט דאָך ישעיה געקאָנט אַריין קומען צו חזקיה אומגעשטערט, און דער רבונו של עולם איז טאַקע געווען גערעכט מיט דעם וואָס חזקיה איז קראַנק געוואָרן און נישט ישעיה".

זיי האָבן זיך פיין אונטערהאַלטן און ר׳ יצחק אלחנן האָט זיך געפילט זייער גוט און האָט געזאָגט צו ר׳ יוסף בער: „ס׳איז מיר נישט קיין וווּנדער וואָס איך פיל מיך פיל בעסער. אונזערע חז"ל זאָגן דאָך אַז „לשון חכמים מרפא יהי זכרם לברכה".



אפרים טויבענהויז

## ברעקלעך און „שיריים" פון רבינס טיש

(ווערטלעך פון באַרימטע גוטע יידן)

### „הילכות מיתה"

**זיך לערנען שטאַרבן — דאָס איז אַ קונסט**, וואָס דער מענטש דאַרף לערנען זיין גאַנצן לעבן, גרייט צו זיין די נשמה אָפּצוגעבן אין גאָט׳ס האַנד.

(ר׳ שמחה בונם פרשיסכער).

### אינגאַנצן איין שפרונג

ווי ווייט מיינט איר איז פון גן־עדן צום גיהנום — אינגאַנצן איין שפרונג.

ר׳ דודל פון לעלוב.

### התבוד דות

**אויב עמיצער וויל זיך אָפּשיידן** פון דער וועלט און דינען גאָט ביחידות, נאָר ער האָט דערביי אַ מינדסטע כוונה אַז עמיצער זאָל אים בשעת מעשה זען, איז ער ביי מיר ערגער ווי אַ פראָסטאַק.

דער יוד הקדוש.

### מוטיקע מענטשן

מוטיקע מענטשן געפינט מען אין אַלע קלאַסן ביי מתנגדים ווי ביי חסידים, אָבער די מוטיקייט וואָס אַ גלעזל יייש גיט ביי „תיקון" צו מלוה מלכה ביי חסידים, קאָן מען קיינמאָל נישט געפינען ביי קיין מתנגדים.

ר׳ אהרן פון קארלין.

### אויך וויינען מוז מען קענען

**די קדמונים זאָגן: „שערי דמעות לא ננעלו"** (די טויערן פון טְרערן זיינען נישט פאַרשלאָסן). אויב אַזוי פרעגט זיך: וואָס דאַרף מען בכלל די טויערן? נאָר אויב ס׳וועט קומען אַ שוטה און וויינען, זאָל מען קענען די טויערן באַלד פאַרמאַכן.

---

## לאנדאנער קולטור-ידיעות

דער שרייבער לעאָן האָכשטיין, וועלכער איז צוריקגעקומען פון זיין וויכטיקער נסיעה אין ישראל, האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט ביי די י.ל.ש.נ.

✶ ✶ ✶

יוסף הלל לעווי ווערט קומענדיקן חודש אַ בן ששים. דער ליטעראַטן פאַראיין גרייט צו אַן אָוונט.

דער באַקאַנטער שרייבער פּאַדרוזשניק דרוקט איצט אַ וויסנשאַפטלעך בוך, מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון נוצרי.

✶ ✶ ✶

מיר הערן, אַז אויף דערוויייל הויבט אָן צו דערשיינען אַ טעגלעכע לאָנדאָן־ביילאַגע אין דער פאַריזער יידישער צייטונג „אונזער וואָרט".

דער ליטעראַטן פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד משה עובדס 65־סטן געבוירן־טאָג, אויף וועלכן פען־קאָלעגן האָבן אים פייער־לעך באַגריסט.

✶ ✶ ✶

דער סעקרעטאַר פון דער שניי־דער־יוניאָן, דער גוט באַקאַנטער אַר־בעטער טוער און זשורנאַליסט י. ל. פיין, ליגט איצט קראַנק אין אַ לאָנדאָ־נער שפּיטאָל. צו אונזער גרויסן צער הערן מיר, אַז זיין ליבע פרוי איז אים די טעג געשטאָרבן.

✶ ✶ ✶

דער 4־טער טייל „שמע־ישראל“ פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי גרייט זיך צום דרוק.

✶ ✶ ✶

פאַניאַ לוביטש, די באַקאַנטע הבימה־קינסטלערין, ווײלט איצט אויף אַ לענגערן באַזוך דאָ אין לאָנדאָן.

עס איז אַריין אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען אַ ניי בוך הומאָ־רעסקעס פון קייטי בראַון.

✶ ✶ ✶

מאָריס שוואַרץ ווערט דערוואַרט אין לאָנדאָן, אויפצוטרעטן אין אַלעק־סאַנדער טעאַטער.

✶ ✶ ✶

עטאַ טאָפּעל, אונזער באַקאַנטע אַק־טריסע, קומט די טעג צוריק אַהער פון איר טורנע אין דרום אַפריקע. מאַרק מאַרקאָוו איז דערווייל נאָך געבליבן אין זיד ראָדעזיע, כדי אויפ־צופירן דאָרט די ישראל־דראַמע — „הנגב“.

✶ ✶ ✶

עס ווערט פופציק יאָר דעם חודש זינט דער וועטעראַן־אַקטיאָר, מאָריס אַקסלראָד, איז געקומען קיין לאָנדאָן דאָ שפּילן יידיש טעאַטער. מיר ווינטשן אים, אַז זיין טאַלענט זאָל אונז נאָך לאַנג משמח זיין.

---

די יידיש־לעקציעס פון קאַנטי קאָנצל, וואָס גייען אָן יעדן מאָנטיק און מיטוואָך, מיט גרויס דערפאָלג, גייען אַריבער פון דער פערקלאָו סטריט צו דער מירדל סטריט שול.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

**(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת, דעם 6־טן יאַנואַר: אַ קבלת פנים פאַר די הבימה־קינסטלערין פאַניאַ לוביטש.

שבת, דעם 13־טן: די יונאָ און דאָס ירושלים פראָבלעם. — י. ביעטש, נעט רובין, אליהו פאלושאק און ישראל זאלץ.

שבת, דעם 20־טן: די טראַדיציאָנעלע חמשה־עשר־בשבט פייערונג. — דאָראַ דימאַנט, שלמה אויערבאך און בלום.

שבת, דעם 27־טן: די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.—י. א. ליסקי. משה גליקסמאַן, אייזיק גאָלדבערג און מ. מינדעל.




## א הארציקן מזל־טוב

ווינטש איך מיין טייערן ברודער ליאָן גוד צו דער חתונה פון זיין ליבער טאָכטער פרידע גוד מיט יעקב מארקס. עס זאָל זיין בשעה־מוצלחת.

משה עובד.



איזאַק באַדער, דער זיד־אַפריקאַנער טענאָר. ווער עס וויל קומען אין קאָנטאַקט מיטן קינסטלער פאַר קאָנצערטן זאָל זיך ווענדן אויף אָט דער אַדרעס:

Isaac Bader, South Africa House.

„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

„די גאולה שעה“ (אַ וויזיע) 5/-

„זינגנדיקע רעיונות“ (לידער און פּאָעמעס) 5/-

פון

**משה עובד**

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*


# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 133) **צוועלפטער יארגאנג** פעברואַר 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


1. מאַמע לשון; 2. צו די וואָס האַסן יידיש..........** 1
ווער איז שולדיק..........מאיר צעלניקער 4
בוימלעך אויפן וועג (ליד)..........אריה שדמי־שאָפּענפּעלד 7
די שטילע מלחמה צווישן די טרייסטער און די אבלים
(המשך פון ראָמאַן „שבעה“)..........לעאָ קעניג 8
די אייביקע ים־שטילקייט (פּאָעמע)..........אביגדור המאירי 12
נישטאָ קיין מזל... (הומאָרעסקע)..........קייטי בראון 16
אומרו... אָרכידייען, אַטאָם־באָמבע, יידישע אויסן־פּאָליטיק
(לידער און צייט־לידער)..........א. נ. שטענצל 19
ווי אַזוי איך האָב געזען ארץ ישראל (שלוס)..........צבי אָרנשטיין 23
שיר העבודה (ווערטער און נאָטן).......... 29
יוסף הלל לעווי אַ בן שישים..........בן־א. סאָכאַטשעווסקי 30
ווער דאַרף דאָס יידישע בוך?! (עסיי)..........יוסף הלל לעווי 34
וועגן בוך „אַליין“ פון משה שטיינהאַרט (רעצענזיע)..יחזקאל בראָנשטיין 39
„שפּראַך און דערציאונג“ (רעצענזיע)..........אליהו פאלושאק 41
פון דער ליטעראַרישער וועלט אין ישראל (באַריכט פון אַ יידישן
קינסטלער אָוונט אין תל־אביב)..........אפרים טויבענהויז 44
די פאַרזאַמלונג ביי „פריינט פון יידיש לשון“ (באַריכט פון דער
יאָרלעכער אַלגעמיינער פארזאמלונג)..........גיטל 45
לאָנדאָנער קולטור ידיעות.......... 47
מיטטיילונג איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס.......... 48


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

**אַבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**

1/9 פאר אַ פּראָבע נומער